
פרץ
א ביסעל
זכרונות
פון ד"ר
גרשון לעווין



פּרץ פֿאַר דער אַרבײט.

# פּרץ.

## א ביסעל זכרונות.

— פון —

ד״ר גרשון לעווין

פערלאג „יהודית״.
ווארשא.
1919.

Warszawa 1919

Drukarnia Sz. Szikora i I. Mylner Nowolipki 6

# פּרץ.

## I.

מיט דער „זשאַרגאָנישער“ ליטעראַטור — פֿון קיין אידישער האָט מען אין מיינע קינדער־יאָהרען נאָך ניט געוואוסט — האָב איך מיך בעקענט אין דער קיד. אין אַלע איבעריגע צימער פֿון אונזער וואוינונג האָבען געהערשט פֿערשידענע אַנדערע ליטעראַטורען: די מוטער מיינע פֿלעגט יעדען שבת נאָכמיטאָג הויך צו ליינען דעם טייטש־חומש, מיין שוועסטער האָט געלעזען פּוילישע און דייטשע ביכער, דער שוואָגער איז געלעגען איבער רוסישע ביכער. פּיסאַרעוו און דאָסטאָיעווסקי זענען געווען זיינע צוויי אַבגעטער, וועלכע קיינער האָט ניט געטאָרט קריטיקירען.

דער פֿאָטער מיינער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פֿון לשון־קודש און די ליעבע האָט ער זיך בעמיהט איבערצופֿלאַנצען אויף מיר. ער האָט אַבאָנירט דעם „המגיד“, שפּעטער — דעם „המליץ“, „השחר“ און „הבוקר אור“. פֿערהעלטנישמעסיג האָט ער געהאַט אַ שענע ביבליאָטעק פֿון העברעאישע ספרים, אין דער שראַנק זענען נעבען ש"ס און דעם רמב"ם געשטאַנען „שירי תפארת“ פֿון וויזעל שען איינגעבונדען, אַלע ווערק פֿון מאַפּו, לעווינזאָן, גאָרדאָן, שולמאַן, צוויפֿעל און אַנדערע.

אַחוץ די ביכער זענען דאָרט געלעגען צעהנדליגער יאָהר־גאַנגען פֿון העברעאישע צייטונגען און דער שטאָדט־גאָון רב צדוק'ל פֿלעגט שוין יאָהר ביאָהר, אין דער נאַכט

פון „נתל“ — ווען מען טאר ניט לערנען — צו שיקען צו מיין פאטער נאך א גאנצען יאהרגאנג פון „המגיד“ אדער „המליץ“, ווייל א גאנץ יאהר האט ער ניט געוואלט מבטל תורה זיין און פערנעהמען זיך מיט אזא נארישקייט, ווי לייענען צייטונגען.

קיין חברה „חובבי שפת עבר“ איז דעמאלט ביי אונז אין לובלין ניט געווען, אבער לשון קודש איז געוועזען זעהר אין דער מאדע און אפשר טאקי דערפאר האט מען אזא חברה ניט בעדארפט.

האט מען געוואלט עמיצען לויבען איז אויפן ערשטען פלאן געווען די מעלה, אז ער איז א גוטער העברעער. אהן העברעאיש איז דעמאלט ניט געווען קיין בילדונג און מען קאן זאגען אהן א שום גוזמא, אז אין דעם הויז, וואו ס'האט נאר געשמעקט אביסעל מיט השכלה, האט אויך געהערשט אנ'אמת'ער קולט פאר לשון-קודש.

דעם „שירי תפארת“ האבען מיר אין חדר געלערנט אויסווענדיג. „אשמת שומרון“ און „אהבת ציון“ האבען מיר געלעזען מיטן זעלבען רעספעקט, וואס די נביאים. מיט אנדערע העברעאישע ביכער האט מען שוין געמוזט זיך אביסעל היטען. קלמן שולמאנ'ס „מסתרי פריז“, למשל, האב איך שוין געמוזט לעזען, ווען קיינער האט ניט געזעהן, בין מנחה למעריב, אויפן וועג אין חדר אריין, אדער פונ'ם חדר. איך האב מיך פשוט ניט געקאנט אפרייסען פונ'ם „מורה“ און נאך מעהר פון דער „זמירה“, אין וועלכער איך בין געוועזן פשוט פערליעבט.

די „זמירה“ איז געווען דאס ערשטע פרויענצימער, איבער וועלכע איך האב שוין קליינערהייד געליטען. ניט איינמאל האב איך איבער איהר בעקומען שמיץ פונם רבי'ן, ווען ער האט מיך געחאפט מיטן ביכעל אונטערן תנ"ך.
איך בין אבער פארט דער „זמירה“ געבליבען טריי.

געלעזען האב איך פערשיעדענע לשון-קודש'ע ביכער זעלבסטפערשטענדליך אהן א שום סיסטעם. קיינער האט זיך מיט דער נארישער פראגע ניט אינטערעסירט, ניט די עלטערען און ניט די מלמדים. מען האט געלעזען, וואס עס איז נאר געפאלען אין דער האנד אריין. צו צוועלף יאהר האב איך געלעזען דעם „חטאת נעורים“ פון ליליענבליום, דעם „הצופה“ פון דר. ערטער און אנדערע עהנליכע ביכער. מען איז דעמאלט בכלל זעהר פריה געווארען אויס „קינד“. צו פיערצעהן יאהר, און אמאל נאך פריהער, האט מען שוין געלערנט קדושין אדער גטין.

מיין פאטערס מיה מיך צו מאכען פאר אנ'העברעער איז געלונגען און די ליעבע מיינע צו העברעאיש איז געוואקסען פון טאג צו טאג.

אין מיין קינדישער פאנטאזיע האט דעמאלט דעם ערשטען און וויכטיגסטען פלאץ פערנומען דער העברעאישער מחבר, און ווען ס'קומט אראב א מלאך פונ'ם הימעל און טהוט מיר א פרעג, וואס וויל איך ווערען, וואלט איך אהן א שום ישוב געענטפערט: אנ'העברעאישער מחבר.

גאנצע טעג פלעג איך מיר ברעכען דעם קאפ מיט דעם געדאנק, ווי אזוי אייגענטליך קען אויסזעהן אזא מחבר, און ווען איך האב ביי אונז איינדערהיים דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען דערזעהן אנ'העברעאישען שריפטשטעלער אין דער געשטאלט פון אברהם בער גאטלאבער, מיט די לאנגע גרויע האר און אין גאלדענע בריללען, בין איך פשוט געווארען אויס מענש; איך האב אפילו געוואלט מאכען אויף איהם א ברכה, כ'האב אבער אינם סדור אזא ברכה ניט געפונען.

איך בין געוועזען איבערגליקליך צו זיצען ביי דעמזעלבען טיש, וואס גאטלאבער, צוצוקוקען זיך, ווי ער טרינקט טהע, ווי ער רויכערט, ווי ער רעדט און גערעדט האט ער איינפאד „זשארגאן“, וואס האט מיר זעהר גע־

וואונדערט. מילא, אז מיר אלע רעדען צווישען זיך זשאר־גאָן און זינגען ברחנישע ליעדלעך — אליקום צונזער איז דערמאָלט געוועזען זעהר אין דער מאָדע — ווער זשגען מיר? פשוטע מענשען. אבער אזא בערימטער העברעאישער מחבר, ווי אברהם דוב הכהן מהללאל, ער רעדט אויך זשאַרגאָן און זינגט אויך ליעדלעך!

נישט קוקענדיג דערויף האָב איך איהם זעהר מקנא געוועזען און איך האָב אלץ געטראַכט, ווי אזוי ווערט מען א מחבר. איך האָב דאָס אמאָל געוואָלט אויסבעטען אום הושענה רבה צוועלף ביינאַכט, ווען דער הימעל שפּאַלט זיך. מען האָט מיר אבער ערקלערט, אז מען קען נאָר ארויס־זאָגען איין וואָרט און מיט איין וואָרט האָב איך נישט געקאָנט אויסדרוקען מיין וואונש, וואָרום זאָגען איין וואָרט „מחבר", קען איך דאָך נאָך ווערען חלילה א שרייבער פון „זשאַרגאָנישע מעשה־ביכלעך" און וואָס קאָן זיין ערגער און מאוס'ער דערפון?

מיט די מעשה־ביכלעך האָט מען זיך אינטערעסירט נאָר אין דער קיד. פרייטאָג־צונאַכטס און שבת ביינאָכט נאָכ'ן עסען פלעגט אונזער קעכין פערעל — א בעיאָהרטע אידענע מיט א פּאָר גרויסע גוטע אויגען — אנצוטהון די גרויסע ברילען און אויפן קול צו לייענען פערשידענע מעשיות, ווי „טויזענד און איין נאַכט", די „פערכשופ'טע בת־מלכה", „דער איבערגעקעהרטער גזלן" און נאָך אנדערע ענליכע זאַכען. אפטמאָל פלעגט זי אויך צו לעזען עפּעס פון א. מ. דיק אדער פונמענדעלע מוכר ספרים.

די אלע מעשה־ביכלעך פלעגט זי צו בעקומען אויפן באַרג ביי שמעריל דעם מוכר־ספרים'ניק.

דאָס איז געוועזען אנ'אלטער איינגעהויקערטער גרייד גרויער קליינטשקער איד, וואָס פלעגט ארומצוגעהן פון הויז צו הויז און האָט פערקויפט אלטע טליתים, תפלין, מזוזות, תחינות, שבחי בעש"ט און דאָס גלייכען. מעשה־

ביכלעך פֿלעגט ער נישט פֿערקויפֿען נאָר געבען אויף באָרג, אַ גראָשען אַ ביכעל פֿאַרן שבת.

די מעשה-ביכלעך זענען געווען געדרוקט אויפֿן ערג-סטען פּאַפּיר, וואָס ס'איז נאָר געווען. די בלעטלעך זע-נען געווען אַזוי פֿערפֿלעקט, אַז מען האָט זיי געקאָנט קוים לעזען און מען האָט דאָרט געקאָנט געפֿינען שפּורען פֿון פֿערשידענע שבת'דיגע מאכלים. נישט זעלטע האָבען צווי-שען די בלעטלעך אַרומשפּאַצירט צופֿרידענע עטליכע פֿע-טע וואַנצען.

א. מ. דיק'ען פֿלעגט פּערל צו לייענען מיט גרויס רעספּעקט. „ס'איז דײַטשמעריש — פֿלעגט זי זאָגען — און נישט יעדער קען עס פֿערשטעהן". איך האָב זי געהאַל-טען, איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, פֿאַר אַדײַטש-קאַנערקע און אַז ס'האָט זיך געטראָפֿען אַ שטיקעל קאָנפֿליקט אין דער אַפּטייק איז זי שוין געגאַנגען אַהין זיך דורכצושמועסען.

מענדעלע מוכר ספֿרים האָט פּערל זעהר ליעב גע-האַט און זי פֿלעגט פֿון איהם צו רעדען, ווי פֿון אַ גוטען בעקאַנטען. וואָס ס'האָט זיך נאָר איהר עפּעס געטראָפֿען, האָט זי זיך פֿעררופֿען אויף איהם. איז דער קוגעל געוואָרען אַביסעל צוגעברענט און מײַן מוטער איז געוועזען אין כעס האָט שוין פּערל אַ זאָג געטהון: „מילא, רב מענדעלע ספֿרים — דאָס וואָרט „מוכר" פֿלעגט זי צו פֿערפֿעהלען — וואָלט פֿונדעסטוועגען אפֿילו פֿון דעם קוגעל די פֿינגער געלעקט". איז געוועזען אינדרויסען אַ גרויסע בלאָטע האָט שוין פּע-רל געמוזט זאָגען: „אַ בלאָטע ווי בײַ מענדעלע ספֿרים".

אויב איך בין מיר נישט טועה, פֿלעגט זי אַלץ און אײַנעם צו לייענען דאָס זעלבע ביכעל: „דאָס קליין מענ-טשעלע".

זי פֿלעגט צו לייענען הויך, אויפֿן קול און קוים צו סילאַביזירען. ווען איך פֿלעג מיר אַרײַנכאַפּען אין קיך אַרײַן און האָב מיר אַנידערגעזעצט אויפֿן טיש, בײַ וועל-

כֿען פּעריל האָט געשוויצט איבער אַ ביכֿעל, איז זי געווען גליקליך. ערשטענס, האָט זי מיר זעהר ליעב געהאַט, זי האָט מיר אויסגעניאַנטשעט. צווייטענס, האָט זי בכּלל גרוים הנאה געהאַט, ווען זי האָט געהאַט אַרום זיך אַן׳עולם און ס׳פֿלעגען זיך טאַקי צו פֿערזאַמלען אין דער קיך אַרום פּערל׳ען כּמעט אַלע דינסטען פֿון די שכֿנים.

פֿערשטאַנען האָב איך פֿון איהר לעזען גאָר ניט, איך בין נאָר געוואָרען, אַז אַ חוץ די ווילדע העברעאישע ספרים זענען נאָך פֿאַראַן מעשה־ביכֿלעך אויף עברי־טייטש, וואָס לייטישע מענשען לייענען זיי ניט.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר צעהן—עלף איז פֿאָרגעקומען אַ זאַך, וואָס האָט אַביסעל געענדערט מיין מיינונג וועגען די זשאַרגאָנישע מעשה־ביכֿלעך.

מיין פֿאָטער איז געפֿאָהרען קיין רוסלאַנד און צוריק־קומענדיג פֿון דאָרט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכֿט דאָס „פּוילישע יונגעל“ פֿון לינעצקי׳ן. דער פֿאַקט אַליין, וואָס מיין פֿאָטער דער גרויסער ליעבהאָבער פֿון העבּרעאיש, האָט דאָס ביכֿעל געקויפֿט און האָט עס אפילו פֿאָרגעלעזען פֿאַרן גאַנצען הויז־געזינד יעדען אָוונד ביי דער טהע, — דער פֿאַקט אַליין האָט געצייגט, אַז ס׳איז אַוודאי אַ ווילדע מעשה־ביכֿעל.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מעשה־ביכעל, וואָס האָט די זכיה געהאַט געלעזען צו ווערען ביי אונז, ניט אין דער קיך נאָר אינם עס־צימער.

מיר אַלע האָבען זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט, מיין שוואָגער אפילו האָט אוועקגעלעגט פּיסאַרעוו׳ן און פּעריל פֿלעגט זיך צו צוהערען, שטעהענדיג אויף דער שוועל, ווייל אַריינצוגעהן אין עס־צימער און אַנידערשטעלען זיך הערען, ווי אַלע אַנדערע, האָט זי די העזה ניט געהאַט.

דאָס ביכֿעל איז געוועזען זעהר אינטערעסאַנט.

ווי דער פאטער האט דאס ביכעל געענדיגט, האבען מיר עס נאך אמאל איבערגעלעזען שוין אין דער קיך. איך האב עס געקענט כמעט אויסווייניג. מענדעל חזריק און רב אייבישום מיטצעל זענען געווארען מיינע גוטע בעקאנטע פונקט, ווי מענדעלע ספרים פעריל דער קעכינס.

דאס „פוילישע יונגעל“ האט געמאכט א גאנצע רעוואלוציע אין מיין מוח. זענען דאך דא שענע אינטערעסאנטע מעשה־ביכלעך נישט נאר אין לשון־קודש, נאר אפילו אין „זשארגאן“, האב איך מיר געטראכט, פאר וואסזשע האלט עפעס קיינער נישט פון זיי? אביסעל שפעטער האב איך ערגיץ געפאקט דינעזאנ'ס „שווארצען יונגערמאנטשוק“, שאצקי'ס „ערב פסח“ און די ביכלעך זענען מיר אזוי געפעלען, אז איך האב אנגעהויבען ספעציעל צו זוכען ערצעהלונגען אויף „זשארגאן“.

## II.

איינמאל איז מיין פאטער געפאהרען קיין זאמאשטש און, צוריקקומענדיג פון דארט, האט ער כסדר גערעדט פון איינעם אנ׳אדוואקאט פרץ. ער איז א גרויסער משכיל, — האט מיין פאטער דערצעהלט, — שרייבט שירים אויף העברעאיש און ערצעהלונגען אויף „זשארגאן“. חוץ דעם אלעם איז ער עפעס אנ׳אריגינאל, אפילו אביסעל משוגע, און גאר דער גרויסער אפיקורס.

מיין פאטער האט דערצעהלט א סך מעשיות, וואס האבען געזאלט אויסווייזען דאס אפיקורסות פון פרץ׳ן. אין מיין געדעכטניס זענען געבליבען נאר צוויי זאכען: ער האט אמאל געשריבען צו א פריינד א בריעף אום ראש השנה און האט אנגעשריבען די דאטע: היום יום א׳ תשרי. דאס איז איין זאך.

די צווייטע איז, וואס ער האט בשום אופן נישט געוואלט פארקויפען פאר פסח דעם חמץ א גוי, ווי דער מנהג איז — ער האט געהאט א מיהל — און נאך פסח האט ער געמוזט דאס גאנצע מעהל אויסשיטען, ווייל קיין שום איד האט עס נישט געוואלט קויפען. ער האט טאקי פערלוירען עטליכע טויזענד גילדען, אבער זיינס האט ער אויסגעפיהרט.

אין יענע פאנאטישע צייטען האט יעדעס שטיקעל אפיקורסות זעהר אימפאנירט. אויף אנ׳אפיקורס פלעגען משכילים צו קוקען, ווי אויף א העלד, ווי אויף א שטאר־

קען מענש, וואס האט די העזה און די קראפט אויסצולאכען דאס, וואס פאר אנדערע איז הייליג. אפילו גאנץ פרומע אידען פלעגען רעדען וועגען אפיקורסים מיט א געוויסען רעספעקט און אין דער זעלבער צייט מיט א שטיקעל רחמנות, ווי איינער זאגט: „א שאד, וואס זיי וועלען זיך אויסרעכטען אויף יענער וועלט א שווארץ יאהר, זיי זעגען אבער פארט וואוילע יונגען“, אויף אזא ליבעראליזם האבען זיך פרומע אידען ערלויבט, זעלבסטפערשטענדיג, נאר ביי רייכע אפיקורסים. אבער אויף ארימע בעלי־עבודה־ניקעס האבען זיי געשיט פעך און שוועבעל: „האסטו געזעהן? אזא קבצנ'יאק געהט אויך נישט צו תשליך!“

דערפאר איז קיין שום וואונדער נישט, וואס דער אפיקורס און דער שריפטשטעלער פרץ האט מיך זעהר פאראינטערעסירט. איך האב נאר נישט געקענט פערשטעהן, ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז איין מענש זאל שרייבען אי העברעאיש, אי זשארגאן. די צוויי שפראכען האבען ביי מיר דעמאלט אויסגעזעהן, ווי פייער מיט וואסער. די שירים, וואס מיין פאטער האט מיטגעבראכט פון זאמאשטש — ס'איז געוועזען א ביכעל, ארויסגעגעבען פון פרץ'ן צוזאמען מיט זיין שווער גבריאל יודל ליכטענפעלד, דעם נאמען פון ביכעל געדענק איך נישט — זענען מיר זעהר געפעלען. זיי זענען געוועזען עפעס גאר אנדערע, ווי אין „שירי תפארת“ אדער אינ'ם „הבוקר אור“. איך האב זיי, דאכט זיך, גאנץ ווייניג פערשטאנען, זיי זענען אבער געוועזען זעהר שען, זיי האבען געשמעקט מיט „שיר השירים“. איך האב דורכאויס געוואלט לעזען פרץ'ס ערצעהלונגען אויף זשארגאן.

איך האב אפגעזוכט שמעריל דעם מוכר־ספרים'ניק און האב איהם געפרעגט, צי האט ער נישט עפעס א ביכעל פון פרץ'ן.

ער האט מיך אנגעקוקט, ווי א משוגענעם.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּרץ? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ קול פֿון אַ באַליידיגטען מענטש. — ווער איז ער? איך וועל דאָך ניט האַלטען בייַ זיך אַבי וועמען? — בייַ די ווערטער האָט ער מיר אונטערגעלייגט עטליכע פֿערפֿעצטע ביכלעך פֿון שמר'ן.

— אָט דאָס איז סחורה! — האָט ער געזאָגט. — גאָ דיר גאָר אַ פּרץ! בייַ אייַנעם, אַ גוטען באַקאַנטען, יחיאל באָרנשטייַן, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ שיינע ביבליאָטעק, האָב איך אויך גאָר ניט געפֿינען פֿון פּרץ'ן. ער האָט פֿון איהם אפֿילו ניט געהערט.

ביסלעכווייַז האָב איך פּרץ'ן אינגאַנצען פֿערגעסען, און ניט נאָר איהם און די גאַנצע ליטעראַטור, נאָר די גאַנצע וועלט בכלל, ווייַל במשך פֿון צוויי יאָהר בין איך גאַנצע טעג און נעכט געווען באַשעפֿטיגט מיט פֿאַרבערייטען זיך, אַלס עקסטערן, אין די זיבעטע קלאַס גימנאַזיום. איך האָב אינגאַנצען פֿערגעסען, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ לעבען אויף דער וועלט און איך בין געוועזען פֿערטהון נאָר אין די לאַטייַנישע און גריכישע גראַמאַטיק און אין אַנדערע גימנאַזיאַלע געגענשטענדען. פֿון ליטעראַטור האָב איך געלערנט נאָר דאָס פֿון דער רוסישער, וואָס איז געוועזען נויטיג צום עקזאַמען.

די עטליכע יאָהר, וואָס איך האָב פֿערבראַכט אין ראַדאָמער גימנאַזיום, האָב איך מיך אויך זעהר ווייניג אינטערעסירט מיט דער אידיש-העבּרעאישער ליטעראַטור.

אין ראַדאָם איז דעמאָלט בכלל ניט געווען קיין אַטמאָספֿערע פֿאַר השכּלה, ווי, למשל, אין לובלין. די העבּרעאישע ליטעראַטור איז געלעגען ערגעץ אין אַ ווינקעלע, קיינער האָט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט. די רייַכע „דייַטשען“ — קיין אָרימע „דייַטשען“ איז, דאַכט זיך, אין גאַנץ פּוילען ניט געוועזען — און די חסידים האָבען זיך ווייניג אינטערעסירט מיט אַזעלכע נאַרישקייַ-

טען. די עטליכע מתנגדים, וואָס האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם שטאָדט־משכּיל ישראל פֿרענקעל, האָבען זיך שוין יאָ אַבּיסעל אונטערעסירט מיט דער העברעאישער ליטע־ראַטור, אָבער קיין בּעוועגונג האָבען זיי נישט בּעשאַפֿען. זייער השכּלה און זייער אפּיקורסות זענען בּעשטאַנען אַמ־מייסט דערין, וואָס זיי האָבען שטילערהייד געלאַכט פֿון גוטע אידען און געקרימט זיך אויף „זשאַרגאָן“, אויבּוואָהל אַ סך פֿון זיי האָבען אַנ׳אַנדערע שפּראַך גאָר נישט געקענט.

ווי יעדער פּראָזעליט האָב איך מיך אַ וואָרף געגע־בּען, ווי אַ הונגעריגער, אויף דער אייראָפּעאישער ליטע־ראַטור, און די אייגענע האָב איך פֿערנאַכלעסיגט. און טאַקי דערפֿאַר, ווען איך בּין פֿאַר 29 יאָהר געקומען קיין וואַר־שאַ לערנען זיך אוני׳ם אוניווערזיטעט מעדיצין, זענען מיי־נע ידיעות אין דער אידישער און אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור נישט געוועזען קיין סך רייכער, ווי בּשעת איך בּין געוועזען אַ חדר־אינגעל אין לובּלין.

אין וואַרשאַ בּין איך, זעלבּסטפֿערשטענדליך, קודם כּל בּעקענט געוואָרען מיט אידישע סטודענטען, וואָס האָ־בּען זיך דעמאָלט געטיילט אויף צוויי פּאַרטייען: אידישע סטודענטען פֿון פּוילען און אידישע סטודענטען פֿון ליטאַ און רוסלאַנד, די אַזוי גערופֿענע „ליטוואַקעס“.

די אידיש־פּוילישע סטודענטען זענען מיט אַ גאַנץ קליינער אויסנאַהם, געשטאַנען זעהר ווייט פֿון אידען, זיי האָבען זיך בּעטראַכט פֿאַר פּאָליאַקען בּני דת משה, און אַלץ, וואָס האָט נאָר אַבּיסעל געשמעקט מיט אידישקייט, איז פֿאַר זיי געוועזען טרף. ס׳איז פּשוט געוועזען קאָמיש־לעכערליך צו זעהן, ווי פֿיעל ענערגיע זיי האָבען אַריינגע־לעגט בּכדי אויסצוזעהן, ווי עכטע פּאָליאַקען. דער גרעס־טער אידעאַל זייער איז געוועזען, אַז מען זאָל זיי, חלילה, נישט דערקענען, אַז זיי זענען אידען. פֿון רעדען אַ וואָרט „זשאַרגאָן“ איז קיין שום רעדע נישט געוועזען. דער גרעס־

מער טייל פון די אידיש-פוילישע סטודענטען האבען סימוליִרט מענשען וואס פערשטעהן נישט קיין ווארט אידיש.

פון אנהויב האב איך זיי געגלויבט.

שפעטער אבער, ווי כ'האב מיך נעהנטער בעקענט מיט'ן ווארשאווער לעבען, האב איך מיך איבערצייגט, אז ס'איז א ליגען, אז א גרויסער טייל פון זיי רעדען אין דער היים מיט זייערע עלטערן נאר אידיש. צווישען מיינע בעקאנטע סטודענטען איז געוועזען איינער, וואס האט געמאכט אנ'איינדרוק פון אנ'עכטען שליאכטשיץ מיט די לאנגע וואנסעס, מיט'ן שרונט אין דער מיט פון פארענט ביז הינטען, מיט'ן אנטהון און מיט'ן גאנצען בענעהמען. דער נאמען זיינער איז אויך געוועזען אנ'עכט פוילישער. כ'האב איהם געהאלטען פאר א קריסט. וואס-זשע טהוט גאט? פערבעט ער מיך אמאל צו זיך, בכדי איבערצורעדען מפה געבען א לעקציע זיין יונגערען ברודער, א גימנאזיסט. און ער האט מיר געגעבען זיין אדרעס אויף נאוואליפקי.

— א שליאכטשיץ אויף נאוואליפקי? — האב איך מיך געוואונדערט.

ווען איך בין געקומען צו איהם אין אווענד (ס'איז געוועזען פרייטאג), האב איך דערהערט אינ'ם נעכסטען צימער עטליכע שטימען פון מענשען, וואס האבען גערעדט אידיש, אזא אידיש, וואס מען הערט אין לובלין אויפ'ן מארק. ווען מען האט מיך פערבעטען אויף נאכט-עסען, האב איך אין עס-צימער דערזעהן אויפ'ן טיש פיער זילבערנע לייכטער מיט סטעארין-ליכט און א פולמעסיק מיט פיש, אויף אלע אידען געזאגט.

די צווייטע פארטיי אידישע סטודענטען, די אזוי גערופענע „ליטוואקעס“, וואס זענען געקומען אין ווארשאווער אוניווערזיטעט נישט מיט'ן גוטען ווילען, נאר וויל מען האט זיי אין רוסישע אוניווערזיטעטען נישט געוואלט

ינעהמען. און אפשר טאקי בכיון, בכדי זיי זאלען געצוואונגען זיין צו פאהרען קיין ווארשא, — די דאזיגע סטודענטען זענען געווען אהן שום חכמות אידען און האבען געשרעדט צווישען זיך מעהר אידיש ווי רוסיש, און דערפאר טאקי האבען זיי די אידיש-פוילישע סטודענטען אויסגעווייכט נאך מעהר, ווי די קריסטען פלעגען עס טהון. זיי האבען פשוט מורא געהאט צו שטעהן אין זייערע פיער איילען, זיי זענען מיט זיי ניש געזעסען אויף איין באנק, בכדי מען זאל זיי חלילה נישט חושד זיין, אז זיי אנערקענען די „ליטוואקעס" פאר ברידער.

די „ליטוואקעס" האבען אין אוניווערזיטעט געמאכט אנ'איינדרוק פון די „קרעטציגע", וואס האבען געמוזט זיין מחוץ למחנה.

זעלבסטפערשטענדליך, האבען זיי זיך אין אזא גאסט-פריינדשאפטליכער אטמאספערע געשפירט זעהר פרעמד.

מיך האט אבער פונקט געצויגען צו די „ליטוואקעס", צווישען וועלכע איך האב געפונען עטליכע קאלעגען, מיט וועלכע איך בין געוועזען זעהר בעפריינדעט. מיר האבען געלעבט, ווי די ברידער, אזוי ווייט, אז מען האט מיך אויך אנגעהויבען צו האלטען — טייל האלטען מיך נאך אפילו אצינד — פאר א „ליטוואק", אויבוואהל איך האב א כשר'ע מעטריקע, אז איך בין געבוירען געווארען אין לובלין.

א דאנק דעם קאנטאקט מיט דער אידישער אינטעליגענץ פון ליטא און רוסלאנד, האט זיך אין מיר אויפגעוועקט דאס אידישע געפיהל, וואס כ'האב אויסגעזויגען מיט דער מאמעס מילך. איך האב מיך ווידער אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט אלץ, וואס אידיש. איך האב מיך א נעהם געגעבען צו דער אידיש-העברעאישער ליטעראטור, איך האב אנגעהויבען צו מאכען בעקאנטשאפט מיט ווארשאווער משכילים, מיט העברעאישע ליטעראטען, און מיר

צוזאמען מיט די ליטווישע סטודענטען האבען אנגעהויבען צו מאכען א שטיקעל אידישע בעוועגונג. מיר זענען זיך פון צייט צו צייט צונויפגעקומען און האבען צוזאמען געלעזען אידישע און העבראישע ביכער, מיר האבען זיך בעמיהט צו פערגרעסערן די אידישע סטודענטען־קאסע א. א. וו. דאס אלץ האט אונזער געגען־פארטיי א נאמען געגעבען: „סעפאראטיזם“, דאס הייסט מיר שיידען זיך אב...

איך האלט פאר נויטיג דא צו צוגעבען נאך איין בעמערקונג.

די סטודענטען פונ'ם צווייטען קורס מעדיצין האבען אין יענע צייטען געמוזט אנשרייבען די אזוי גערופענע „סאמשוגעניעס“, זעלבסטפערשטענדליך, אויף רוסיש. די, וואס האבען דאס ניט געוואלט מקיים זיין, זענען בעשטראפט געווארען אויף פערשיעדענע אופנים און קודם כל האט מען זיי ניט בעפרייט פון שכר־למוד.

ווען איך בין געוועזען אויפ'ן צווייטען קורס מעדיצין האט זיך ניט געפונען קיין איינציגער אידישער סטודענט, אפילו צווישען די ארימע „ליטוואקעס“, וואס זאל האבען אנגעגעבען אזא „סאמשוגעניע“, וועהרענד צווישען די פאליאקען האט זיך יא געפונען אזעלכער...

## III.

אַמאָל האָב איך דערהערט, אַז ס'איז געקומען פֿין זאַמאָשטש קיין וואַרשאַ י. ל. פּרץ, און האַלט יעדען שבת פֿאָרלעזונגען אויף העבּרעאיש אין דער שול פֿון דער חברה „שפה ברורה“.

אין מיין געדעכטניס האָט אויפֿגעלעבּט דער פּרץ, מיט וועלכען איך האָב מיך אַלס חדר־אינגעל אַזוי פֿער־אינטערעסירט און פֿון וועלכען מיין פֿאָטער האָט גערעדט מיט אַזאַ גרויסען רעספּעקט.

שבת, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג, בּין איך מיט עטליכע קאָלעגען געגאַנגען אין שול אַריין, דאַכט זיך, אויף די נאַ־לעווקי'ס. דאָרט האָבּען מיר געטראָפֿען גישט קיין גרוי־סען עולם, אַממייסט יונגעלייט.

אין מיטען שול, אויף דער בּימה, איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וועלכען מען האָט געקאָנט געבּען אַ יאָהר 30 מיט אַ בּלאָנד בּערדיל, מיט ענערגיש־ליידענשאַפֿטליכע לי־פּען און מיט אַ פּאָר גרויסע שעהנע אויגען, פֿון וועלכע איך האָבּ מיך פּשוט נישט געקענט אָבּרייסען.

דאָס איז געוועזען יצחק ליבּוש פּרץ.

ער האָט זעהר פֿליעסיג גערעדט אַ שעהנעם העבּרע־איש, מיט וועלכען ער האָט אונז זעהר אימפּאָנירט. די השכּלה־טעמאַ, אויף וועלכער ער האָט זיך אָבּגעשטעלט און האָט זי בּעאַרבּייט פֿון אַלע זייטען, די טעמאַ האָט אויף אונז סטודענטען גראָד געמאַכט נישט קיין גרויסען רושם,

מיר האָבען איינגענטליך ערוואַרטעט עפּעס אַנדערש. אַזוי ווי איך האָב דורכאויס געוואָלט בעקענען זיך מיט פּרץ'ן האָב איך אָבגעוואַרט, ביז ער האָט געענדיגט און האָב מיך פאַרגעשטעלט. מיר האָבען צווישען זיך דורכגעוועקסעלט עטליכע גאַנץ באַנאַלע פראַזען און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך קען איהם שוין מי יודע, ווי לאַנג, ס'האָט מיך באַלד צו איהם צוגעצויגען.

איך גלויב זעהר אין דעם ע ר ש ט ע ן איינדרוק, וואָס עמיצער מאַכט אויף מיר, כ'האָב מיך ביז אַהער זעלטען טועה געווען. אין דער ליעבע שפּיעלט אויך, דאַכט זיך, די גרעסטע ראָלע דער ע ר ש ט ע ר רושם: צווי־שען הונדערטער פּרויענצימער דערזעהט מען איינע און מען קריעגט זי באַלד אויפ'ן אָרט ליעב, איידער מען ווייס נאָך פאַר וואָס איינגענטליך.

אַזוי ווי איך האָב געמוזט אוועקגעהן אויף מיינע לעקציעס, האָב איך פּרץ'ן געפרעגט, וואו קענען מיר זיך טרעפען אין אָוענד, כּדי זיך נעהנטער צו בעקענען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז דעם אָוענד איז ער שוין פאַרנומען, ער איז געלאַדען צום דאָקטאָר מינץ.

— צו דאָקטאָר מינץ? — האָב איך בעמערקט צו־פרידען — איז דאָך גאָר גוט, ס'איז מיינ'ס אַ גוטער בע־קאַנטער, כ'וועל אויך דאָרט זיין.

ביי דאָקטאָר מינץ בין איך דעמאָלט געוועזען אַ יוצא ונכנס, מיר האָבען אפילו געוואוינט אין איין הויז (טוואַרדאַ 20).

איינמאָל אין דער וואָך, שבת צו נאַכטס, פלעגען ביי דאָקטאָר מינץ אין דעם שענעם גרויסען זאַל זיך צו פאַר־זאַמלען עטליכע אידישע דאָקטוירים, אַ פּאָר וואַרשאַווער און פלאָצקער משכּילים, עטליכע דאַמען, איינינגע סטודענ־טען און סטודענטקעס (פון אויסלענדישע אוניווערזיטע־טען) דאָס זענען, דאַכט זיך, געוועזען די ערשטע פאַרזאַמ־

לונגען פון דער אידישער אינטעליגענץ אין ווארשא.

אויף די פערזאמלונגען האט מען בעריהרט פערשיעדענע געזעלשאפטליכע פראגען, מען האט דיסקוטירט מכח ליטעראטור און קונסט, מען האט געזונגען, געשפיעלט, זיך געוויצעלט און נאך א גוטען, לוסטיגען נאכטעסען זענען גאנץ אפט אפילו פארגעקומען אימפראוויזירטע טענץ.

גערעדט האט מען זעלבסטפערשטענדליך פויליש, אז מען האט זיך אבער ארויסגעכאפט מיט א אידיש ווארט, האט מען ניט פערשטיינערט. מען האט זיך אפילו געקענט ערלויבען צו דערצעהלען א אידישען וויץ, די אינטעליגענץ האט זעהר הערצליך געלאכט. בפרט ווען דער דערצעהלער איז געוועזען אזא אויטאריטעט, ווי נחום סאקאלאוו.

ווען איך בין אין אווענד געקומען צום ד"ר מינץ, האב איך שוין דארט געטראפען די גאנצע געזעלשאפט, וואס שטענדיג. פנים חדשות זענען געוועזען פרץ און יעקב דינעזאן. אהן דעם הוט, מיט דעם שיינעם רבניש'ען שטערען, האט פרץ אין סאלאן געמאכט נאך א בעסערען איינדרוק, ווי אין דער שול.

איך האב באלד בעמערקט, אז פרץ פערנעהמט שוין אין דער געזעלשאפט דעם ערשטען פלאץ, אז ער בילדעט שוין די אקס, ארום וועלכער ס'האט זיך געדריעהט דער גאנצער געשפרעך. זיין שארפזין, זיין בליטצארטיגער וויץ, זיין שלאג-ווארט האט צו איהם צוגעצויגען. וואס אמת איז, ער האט אויך מיסטערהאפט געשטאכען און סארקאסטיש אויסגעלאכט, אבער קיינער האט עפעס קיין פאראיבעל ניט געהאט אויף איהם, ווי איינער זאגט: ער מעג.

וואס פאר א געזעלשאפטליכע פראגע מען האט ניט בעריהרט, האט פרץ ארויסגעוויזען אין איהר גרויס בקיאות.

זיין מיינונג איז געווען גאנץ אריגינאל, ער האט ארויסגעזאגט עפעס א ייגענס, ניט דאס, וואס מען קען לעזען ערגיץ אין א לעהר־בוך.

ביי דעם אלעם האט פרץ ניט ארויסגעוויזען קיין שום גאוה. ער האט פון זיך ניט געבלאזען, ער האט זיך געהאלטען אייננפאך, א יונגערמאן אן אינטעליגענט, וואס ווארפט קיינעם ניט אן קיין מיינונג, וואס שרייט ניט: „קבלו דעתי!“ און די לאכעדיגע אויגען זיינע האבען אזוי ווי געזאגט: „ווילט איהר, גלויבט מיר, ווילט איהר ניט, גלויבט מיר ניט, איך וועל דערפון ניט ווערען אומגליקליך“.

די מדה פון ענוות איז דעמאלט ביי פרץ'ן געווען זעהר בולט; זי האט זיך פון איהם ניט אבגעטהון אפילו דעמאלט, ווען ער איז שוין געווען דער גרויסער פרץ.

ס'זענען געווען אין ווארשא מענשען, ס'מיינסט דאמען, וואס האבען איהם געהאלטען פאר א שטאלצען, ווייל ער האט זיי ניט געגריסט אויף דער גאס. זיי האבען ניט געקענט, אדער ניט געוואלט פערשטעהן, אז דאס ניט גריסען איז ניט געווען דורך גאוה, נור ווייל ער האט זיי פשוט ניט דערקענט. האט עמיצער אויף איהם ניט געמאכט קיין ספעציעלען איינדרוק, האט ער איהם באלד נאכ'ן פארשטעלען געענצליך פערגעסען.

איך געדענק, ווי פרץ האט מיר אמאל בעזוכט בשעת די פעריען אין לובלין. ער האט שוין געהאט פערעפענטליכט דריי בענדער פון דער „אידישער ביבליאטעק“, איין באנד „ליטעראטור און לעבען“, ער איז שוין געווען א בעקאנטע פערזענליכקייט.

איך האב איהם ביי דער שריפטשטעלערין ארענשטיין צונויפגעפיהרט מיט צוויי אידישע אינטעליגענטען, מיט די אדוואקאטען ראזענטאל און ווארמאן, און מיר האבען פערבראכט צוזאמען א שיינע פאר שעה. ווען פרץ איז

אויסגעפאהרען האבען זיי אלע דריי אנגעוויזען קודם כל אויף דעם פאקט, אז ער איז ביי זיי דער ערשטער שריפט־שטעלער, ביי וועמען זיי האבען ניט געזעהן ניט קיין בלעף, ניט קיין ריהמען זיך, ניט קיין גאוה און ניט קיין אנדערע שוואכקייטען, וואס מען זעהט אזוי אפט ביי דעם גרעסטען טייל שריפטשטעלער און קינסטלער.

איך קעהר זיך אום צום אווענד ביים ד״ר מינץ.

נאכ'ן אווענד־ברויט, ביי וועלכען פרץ האט ווידער געשפיעלט די ערשטע פידעל מיט זיין וויץ און לעבעדיגען טעמפעראמענט, האט זיך די גאנצע געזעלשאפט צוטיילט אויף פערשיעדענע קליינע גרופען: נחום סאקאלאוו האט פערהויכערט א גוטע האוואנער און ארום איהם האט זיך געבילדעט א קרענצעל נייגעריגע, פאר וועלכע ער האט אנט־פלעקט סודות פון דער וועלט־פאליטיק, ווי א געניטער דיפ־לאמאט. דער לאבעדיגער דאקטאר לעבענסבוים מיט'ן שווי־געדיגען דאקטאר שענהאק האבען זיך געזעצט שפיעלען אין שאך, דאקטאר פרענקעל האט דערצעהלט קאמישע עפיזאדען פון זיין פראקטיק אין דער „חברה“ און די צו־הערער האבען זיך געהאלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. פרוי שמיעדעבערג האט זיך געזעצט צום קלאוויר און האט געזונגען שוביערט'ס א ליעד, די סטודענטען האבען אנגע־הויבען צו טאנצען און פרץ האט אויך גאנץ שען דורכ־געטאנצט א וואלס. יעקב דינעזאן האט זיך שטילערהייד אבגעזעגענט און איז אוועקגעגאנגען.

אין דעם אווענד האב איך יעקב דינעזאנ'ען גע־זעהן דאס ערשטע מאל, איך האב איהם ביז דעמאלט גע־קענט נאר פון דער ליטעראטור און ס'איז אינטערעסאנט, אז דעם מחבר פונ'ם „שווארצען יונגענמאנטשיק“ האב איך מיר פארגעשטעלט פונקט אזוי, ווי ער איז געוועזען.

דעם גאנצען אווענד האט זיך דינעזאן אזוי ווי בע־האלטען נעבען פרצ'ן און האט פון איהם ניט אראבגע־

לאזט זיינע גוטע זאנפטמוטיגע אויגען. ס'איז געוועזען לייכט צו דערקענען, אז ער שפירט זיך פרעמד צווישען דער געזעלשאפט, וואס האט זיך געוויצעלט און דיספוטירט אויף פויליש, אבער צוליעב פרץ'ן מוז ער זיצען און ליידען, ווייל לאזען פרץ'ן אליין, עפעס אהן אנ'אפוטרופוס האט ער — דער אפאסטאל זיינער — נישט געקענט ביי זיך פועל'ן.

פרץ מיט מיר האבען זיך אנידערגעזעצט אין א ווינקעלע נעבען א פענסטער און האבען געמאכט צווישען זיך א פריוואטען שמועס. ס'האט איהם זעהר אינטערעסירט דאס סטודענטען-לעבען אין ווארשא, די בעציהונגען צווישען אידישע און קריסטליכע סטודענטען, די ברענענדיגע פראגע מכח די „ליטוואקעס“ און פערשיעדענע אנדערע לאקאלע געזעלשאפטליכע פראגען.

יוזעף שפאק האט אנגעהויבען זאמלען פאארען פאר א קאנטרעדאנס, און האט געוואלט אונז דורכאוים צוציהען צום טאנצען, ס'האבען איהם געפעהלט פונקט צוויי קאוואלירען, בכדי צוויי עלטערע פריילינס זאלען זיך נישט פיהלען בעליידיגט, מיר האבען זיך פון איהם פארט אויסגעדרעהט און ווייטער געשמועסט.

מיר זענען אריבער אויף ליטעראטור, און פרץ האט מיר דערצעהלט, אז ער האט בדעה ארויסצוגעבען א זשורנאל אין אידיש אונטער'ן נאמען: „די אידישע ביבליאטעק“ און האט מיר ערקלערט די ציעלען, וועלכע ער פערפאלגט דערמיט. די מאטיווען זענען געוועזען די זעלבע, וועלכע ער האט שפעטער ארויסגעזאגט אין דעם לייט-ארטיקעל פונ'ם ערשטען באנד „אידישע ביבליאטעק“ „בילדונג“. „דער מאסע — האט ער געזאגט — איז נויטיג בילדונג און, ווייל העבראיש און די לאנדעס-שפראך קען די מאסע נישט, מוז מען צו איהר קומען מיט'ן זשארגאן, וואס האט קיין פרעטענזיע נישט צו פערטרעטען די

מוטער־שטעלונג און א אידיש הויז. דעם פלאץ פערנעהמט און בעדארף פערנעהמען לשון קודש“.

אויף זיין פראגע, צי קען איך איהם געבען פאר'ן ערשטען באנד עפעס ליטעראַרישעס אדער וויסענשאפט־ליכעס, האב איך איהם בעשיידען גענטפערט, אז איך האב נאך גאר נישט געשריבען א חוץ בריעף און א קליינע קארעספאנדענץ אין דער „הצפירה“.

— איהר בעדארפט קענען שרייבען — האט מיר פרץ איינגערעדט. — איהר דערצעהלט גוט.

איך האב איהם געדאנקט פאר'ן קאמפלימענט און האב איהם דערצעהלט א שמועס צווישען צוויי חסידים, וואס כ'האב דעמאלט נישט לאנג אונטערגעהערט אין דער באהן. דער שמועס איז איהם זעהר געפעלען און ער האט מיך געבעטען, אז איך זאל עס אויפשרייבען. זעהר גוט — האב איך זאגט. — איך וואלט אבער געוואלט לעזען עפעס איירעם. דערביי האב איך איהם איבערגעגעבען, אז אונזער שמעריל מוכר ספרים'ניק אין לובלין האלט עפעס נישט זעהר פון איהם. פרץ האט זיך הויך צולאכט און האט מיר צוגעזאגט צו שיקען א ביכעל.

דער עולם האט זעהר געשוויצט ביי דער זעקסטער פינגער פנ'ים קאנטרעדאנס און מיר זענען שטילערהייד אוועקגעגאנגען אויפ'ן ענגלישען אופן.

ביים געזעגנען זיך האב איך געשפירט, אז איך האב מיר ערווארבען א פריינד, וואס וועט האבען אויף מיר א גרויסע השפעה.

# IV.

אויפ'ן צווייטען טאָג, זונטאָג, ווען איך בין אהיים געקומען און אוועגגעגאַנגען אויפ'ן טיש געפונען א קליין אידיש ביכעל: „בעקאַנטע בילדער“ פון לעאָן פּרץ, הערויסגעגעבען דורך י. דינעזאהן.

אויפ'ן שער איז געוועזען אַנ'אויפשריפט: „דעם קינדערמינגען אידישען סאַטיריקער“.

ס'האָט מיר זעהר געשמייכעלט.

אינ'ם ביכעל זענען געלעגען עטליכע אויסגעריסענע בלעטלעך פון שלום-עליכם'ס פאָלקס-ביבליאָטעק, וואו עס איז געווען געדרוקט די פּאָעמע: „מאָניש“.

אין דעם ביכעל זענען געווען צוויי ערצעהלונגען: „דער משולח“ און „דער משוגענער בטלן“.

שוין אויסערליך האָט דאָס ביכעל ניט דערמאָהנט די אַלטע אידישע מעשה-ביכלעך. ס'האָט שוין געהאַט א אייראָפּעאישע פאָרם, און דאָס פּאַפּיער מיט'ן דרוק זענען געווען ניט ערגער, ווי אין אַזעלכע ביכלעך אין אַנדערע שפּראַכען.

איך האָב מיך באַלד גענומען צום לעזען און האָב מיך ניט געקענט אָבריסען, ביז איך האָב דאָס ביכעל ניט איבערגעלעזען פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף.

ס'האָט מיך זעהר פעראינטערעסירט.

ניט דער אינהאַלט פון די צוויי זאַכען האָט גע-שפּיעלט דערביי די גרויסע ראָלע. ניין, כ'בין שוין דעמאָלט געווען בעקאַנט מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור און

האָב שוין געוואוסט, וואָס הייסט א גוטע נאָוועלע. „דער משולח” איז בכלל ניט געווען אָריגינעל און מען האָט אין איהם געשפּירט דעם איינפלוס פון ש. י. אַבראַמאָוויטש׳ן, וואָס איז דעמאָלט געווען זעהר אין דער מאָדע אויף דער אידישער גאס. צוגעשמיעדט האָט מיך די ערצעה־לונגען, די אייראָפּעאישע פאָרם מיט דער שעהנער אידישער שפּראַך.

דאָס זענען געווען די ערשטע אידישע נאָוועלען, וואָס איך האָב געלעזען און זיי האָבען אויף מיר געמאַכט א קאָלאָסאַלען איינדרוק. קען מען דאָך, הייסט עס, שרייבען שענע זאַכען אפילו אין אזוי געראָפּענעם זשאַרגאָן!

ווען איך האָב אָנגעהויבען צו לעזען מאַניש׳ען, בין איך שוין אין גאַנצען געוואָרען געפּלעפט; און אָנשטאָט צו לעזען שטיל פאַר זיך, האָב איך אָנגעהויבען הויך צו סקאַנדירען:

גלעבט האָבען דעמאָלט
נאָר די אַלטע בעלי־בתים
מיט מעשינע ברילען
און זילבערנע בתים
גאָלד די עטרות
און אייזען די מהות
אַנדערע יאָהרען
נאָר אַנדערע כחות
פול ס׳בית־המדרש
און טאַקי מיט קעפּ
מען לערנט נאָך אין פּאַליש
מען לערנט אויף די טרעפּ
עס ווערט ניט פאַר חצות
קיין ליכטעל פערלאָשען
און פּראָזשבעס צו רענדלעך
און תורה מיגראָשען.

איך מוז דאָ בּעמערקען, אַז די פּערזען זענען נישט געוועזען געדרוקט, נור צוגעשריבּען איינגעגעהענדיג פון פּרץ'ן. ווייל שלום־עליכם'ן, ווי איך בּין שפּעטער געוואָהר געוואָרען, זענען זיי נישט געפעלען, און ער האָט זיי פער־פעהלט.

מיין חבר, וואָס איז געזעסען בּיי דעם זעלבּען טיש און האָט געקנעלט אַנאַטאָמיע, האָט אַנידערגעלייגט דעם שאַרבּען און האָט אויפגעעפענט מויל און אויערן.

און ווייטער די זעלבע געשיכטע, נישט דער סיוזשעט פון מאַנישע'ן האָט מיך ענטציקט, נור די שענע פאָרם, דער מוזיקאַלישער שיר. אַן'אמת'ע סימפאָניע פון טענער און בּילדער.

— הכלל, דאָס איז פּרץ! — האָב איך מיר געטראַכט.

ער איז דאָך אַ גרויסע קראַפט און איך האָב מיר ערלויבּט צו רעדען מיט איהם, ווי מען רעדט מיט אַ גלייכען, כאחד האדם! איך האָב מיך געשעמט פאַר מיר אַליין, און ווען ס'וואָלט נישט געווען זעהר שפּעט בּיי נאַכט, וואָלט איך אודאי געלאָפען צו פּרץ'ן איהם איבּער־בּעטען.

איך בּין געווען אויפגערעגט. פון עפּעס לערנען אָדער שלאָפען איז נישט געווען קיין שום רעדע, און ווען מיין חבר האָט זיך געלעגט שלאָפען, האָבּ איך מיך אַני־דערגעזעצט און האָב אויפגעשריבּען דעם „שמועס צווי־שען צוויי חסידים“.

בּאַלד אין דער פריה, אַנשטאָט צו געהן אין אוני־ווערזיטעט אַריין, בּין איך אַראָבּגעגאַנגען אויף די דזיקא גאַס נומר 6, וואו פּרץ האָט געוואוינט, בּיי דעם אדוואָ־קאַט פירשטענבּערג.

איך האָב איהם שוין געטראָפען בּיים שרייב־טיש.

פּרץ האָט בּאַלד דערקענט, אַז איך בּין עפּעס אויפ־גערעגט.

— וואס איז מיט אייך? — האט ער מיך גע־פרעגט מיט מיטגעפיהל.

— איך בין די נאכט שעהר נישט פערפיהרט גע־ווארען, — האב איך געענטפערט — נישט אזוי פיעל פון דער לילית, ווי פון אייער שעהנעם מאניש.

פרץ האט בעשיידען געשמייכעלט.

— איהר זענט מוזיקאליש? — האב איך איהם גע־פרעגט נאך א ווייל.

— אויף קיין אינסטרומענט שפיעל איך נישט — האט ער געענטפערט. זינגען האב איך אמאל געזונגען זמירות און אויך מן הסתם פאלש. אבער אקעגען וואס פרעגט איהר דאס?

— אקעגען דעם, וואס כ'האב שוין לאנג נישט געלעזען אפילו אין דער אייראפעאישער ליטעראטור אזא שעהנעם, לייכטען מוזיקאלישען שיר, ווי אין אייער „מאניש", כ'האב שוין לאנג נישט געשפירט אין פערזען אזא האר־מאנישען ריטם. און איהר זענט נישט מוזיקאליש? ווי אזוי איז דאס מעגליך?

— איהר זעהט דאך! — האט ער געענטפערט און די אויגען האבען זיך צולאכט.

ס'איז זעהר אינטערעסאנט, אז פרץ אליין האט זיינע אנדערע זאכען געשטעלט א סך העכער, ווי „מאר־נישען". פונ'ם „שטריימעל", למשל, פלעגט ער האלטען א סך מעהר.

איך שרייב דא נישט קיין קריטיק איבער פרץ'ן, נאר זכרונות. פונדעסטוועגען ערלויב איך מיר ארויסצוזאגען מיין מיינונג, אז דער שעהנער „מאניש" וועט אודאי אי־בערלעבען דאס „שטריימעל" מיט זיין טיעפער טענדענץ.

וועגען מוזיק איז מיר שפעטער אויסגעקומען זעהר אפט צו דיספוטירען מיט פרץ'ן.

פאר קלאסישע מוזיק האט ער נישט געהאט נישט

נאָר קיין זין, נאָר ער פֿלעגט זי פּשוט פֿיינד האָבען. איך פֿלעג שטענדיג האָבען שבורות הלב, ווען פּרץ האָט געגע־נוצט אויף א סימפֿאָניע פֿון מאָצאַרט אָדער בעטהאָווען.

ער זאָל זיי נישט פֿערשטעהן!

ער זאָל זיי נישט פֿיהלען!

צו בעטהאָווען׳ען האָט זיך פּרץ אין די לעצטע יאָהרען אביסיל צוגעוואָהנט, אָבער אַנדערע קלאַסיקער האָט ער נישט געקענט ליידען, און נישט איינמאָל איז ער דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעגאַנגען פֿון „הזמיר“, ווען דער כאָר האָט געזונגען דעם „הללויה“ פֿון הענדעל. מוזיק האָט פּרץ ליעב געהאַט זעהר און זעהר, אָבער נאָר פֿאָלקס־מוזיק. פֿאַר גריג׳ען, שובערט׳ען און מענדעלזאָהן האָט ער געהאַט אַנ׳אמת׳ן קולט פֿאַר זייערע פֿאָלקסטימליכע קאָמ־פּאָזיציעס.

טשייקאָווסקי׳ס פֿיערטע סימפֿאָניע, וואָס איז געבויט אויף רוסישע פֿאָלקס־ליעדער, האָט מען איהם געמוזט שפּיעלען אויף קלאַוויר ביי יעדער געלעגענהייט. ווער שמועסט אידישע פֿאָלקס־ליעדער!

זיי האָט ער פּשוט פֿערגעטערט, און ווען ער פֿלעגט אמאָל צו זיין אין א שלעכטער שטימונג — דאָס פֿלעגט זיך אויך צו טרעפֿען! — האָט מען נור בעדאַרפֿט איהם א זינג צו געבען: „אוי—וועה ר׳—ביניו“, „די אַלטע קשיא“ אָדער „מאיר׳קע, מיין זוהן“, און ער איז באַלד געוואָרען גאָר אַנ׳אַנדער מענש, ער איז געוואָרען מונטער און האָט מיטגעהאָלפֿען זינגען. קיין שטימע צום זינגען האָט פּרץ נישט געהאַט, אָבער אידישע פֿאָלקס־ליעדער פֿלעגט ער גראָד גוט זינגען, גאָר פּשוט, אָהן שום חכמות. „פֿאָלקס־ליעדער מוזען געזונגען ווערען פֿאָלקסטימליך — פֿלעגט פּרץ שטענדיג צו זאָגען — אָהן שום קונצען און אָהן דעם שווערען קאָנטראַפּונקט, וואָס נעהמט צו פֿון זיי דעם גאַנצען חן“.

וואַגנער׳ס מוזיק האָט פּרץ אויך זעהר ליעב געהאַט. ערשטענס דערפאַר, וואָס זי שטיצט זיך אויף פאָלקס־לעגענדען און, צווייטענס, פאַר איהר רעוואָלוציאָנערען גייסט אַקעגען דער אַלטער אָפּער. פּרץ׳ן האָט אימפּאָנירט אַלץ, וואָס ס׳האָט געשמעקט מיט קאַמף, מיט איבערקעהרעניש, מיט רעוואָלוציע.

זיין גלייכגילטיגקייט און אַפילו דעם ווידערווילען צו דער קלאַסישער מוזיק האָט פּרץ קיינמאָל נישט מאַסקירט. ער פלעגט עס אַרויסזאָגען גאַנץ אָפען און פלעגט קיין מורא נישט צו האָבען פאַר די גרעסטע אויטאָריטעטען. נישט איינמאָל האָט ער אויסגעלאַכט די בעלי־בתּים, וואָס, הערענדיג אַ קלאַסישע סימפאָניע, האָבען אוודאי בשעת מעשה געטראַכט פון אַלעם אויף דער וועלט, נאָר נישט פון דער מוזיק און האָבען דאָך געמאַכט אַ מינע, גלייך זיי וואָלטען געוועזען אויפ׳ן זיעבעטען הימעל.

איך געדענק אַזאַ סצענע.

איך בין אַמאָל געזעסען אין׳ם שווייצער טהאָל אויף אַ סימפאָנישען קאָנצערט צווישען פּרץ׳ן און אַ בעל־הבית. אין אַ זעהר אינטערעסאַנט אָרט, וואו די פלייט מיט׳ן קלאַרנעט האַלטען צווישען זיך אַ שיינעם דיאַלאָג, האָט זיך פּרץ צוגעבויגען הינטער מיר צום בעל־הבית און האָט איהם שטילערהייד אַ פרעג געטהון:

— וואָס פאַר אַ פיש האָט איהר אַמבעסטען ליעב?

— הערינג! — האָט דער בעל־הבית געענטפערט מניה וביה אָהן אַ שום ישוב.

אין דעם ווידערווילען צו דער קלאַסישער מוזיק האָט מען געזעהן איינע פון פּרץ׳ס סתּירות: צו האָבען דעם געבוירענעם אינסטינקט צו האַרמאָניע און צום ריטם, וואָס מען שפירט אין אַלע זיינע שירים, סיי העבּרעאישע, סיי אידישע, צו האָבען דעם גרויסען זין פאַר אַלעם, וואָס איז

שען, און דאך צו גענוצען, בשעת מען האט, למשל, גע־
שפיעלט „יופיטער“ פון מאצארט.

וואס אמת איז, אין דער הינזיכט איז פרץ נישט געווען ארינגינעל. די זעלבע אנאמאליע אין א פיעל גרעסע־רער מאס האט מען געזעהן ביי היינע'ן, וויקטאר הוגא, סטענדאל און אנדערע.

ווען איך האב פרץ'ן דערלאנגט דעם „שמועס“, האט ער איהם באלד איבערגעלעזען.

— ער איז גוט אויפגעשריבען — האט ער געזאגט און נאך א קליינער ווײַלע האט ער צוגעגעבען: — דער־צעהלט האט איהר איהם אבער בעסער. ס'איז נישט קיין וואונדער, ס'איז דאך אײַערע ערשטע ליטעראַרישע ארבייט! וואס אייגענטליך ווילט איהר מיט'ן שמועס?

— כ'האב נישט קיין שום סודות — האב איך גע־ענטפערט.—ס'איז, דאכט זיך, גאנץ דײַטליך, אז איך וויל פארשטעלען, ווי צוויי חסידים דערצעהלען איינער דעם אנדערען זייערע רבינ'ס מופתים. און דאס, וואס טהוט זיך אויף דער וועלט, אלע ברענענדיגע פראגען גיהען זיי לחלוטין נישט אן.

— זעהר ריכטיג — האט בעמערקט פרץ. ס'וואלט אבער פארט בעסער געוועזען, אויב איהר וואלט דערביי נאך עפעס מעהר געוואלט... מען דארף א סך וועלען... פאר וואס למשל האט איהר נישט צוגעגעבען צוויי, דריי שטריכען וועגען די רביים אליין?

איך האב דעם „שמועס“ צוריקגענומען און האב צום סוף צוגעגעבען עטליכע שורות מפח דעם גרעסטען מופת פון די רביים, וואס האבען דעם כח צו שווייגען, אויבוואהל אידען לײַדען אזוי פיעל צרות.

ערשט דעמאלט איז פרץ געבליבען מיט'ן „שמועס“ צופרידען.

## V.

מיין בעקאנטשאפט מיט פרץ'ן איז פארגעקומען פאר פסח.

נאך פסח איז געקומען קיין ווארשא זיין פרוי און זיין איינציגער זוהן פון דער ערשטער פרוי (גבריאל יודל ליכטענפעלד'ס טאכטער) און פרץ איז מיט זיי אריבער אויף א זומער־וואוינונג קיין יוזעפינע הינטער מאקאטאוו.

אין דער צייט בין איך געזעסען ביי פרץ'ן גאנצע טעג, אפטמאל בין איך אפילו געבליבען ביי איהם נעכטיגען, ווייל כ'האב געהאלפען בעארבייטען די סטאטיסטיק פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פוילען.

די סטאטיסטיק איז געווארען דורכגעפיהרט מיט דער איניציאטיווע און אויף די מיטלען פונ'ם בעקאנטען פינאנסיסט און שריפטשטעלער יאן בלאך, וואס נישט קוקענדיג דערויף, וואס ער האט זיך געטויפט, האט ער פארט זיך אינטערעסירט מיט זיינע געוועזענע ברידער און האט געוואלט אויסווייזען מיט לעבעדיגע פאקטען, אז די אידען אין פוילען זיינען נישט קיין לעדיגגעהער און פיאווקעס, ווי די אנטיסעמיטישע רעדעפיהרער האבען אלץ אין איינעם געשריען, נאר אז זיי בעשטעהען מייסטענטיילס פון מענשען, וואס ארבייטען שווער און ביטער אויף פרנסה.

אין א סך שטעדט און שטעדטלעך האבען זיך געבילדעט קאמיטעטען, וואס האבען געזאמעלט מאטעריאל פאר דער סטאטיסטיק און האבען עס איבערגעשיקט קיין

ווארשא, וואו מיר — עטליכע סטודענטען — מיט פרץ'ן און דער שפיץ האבען עס בעארבייט.

דאס מאטעריאל איז געווען זעהר אינטערעסאנט ניט נור דערפאר, ווייל מען איז פון איהם געוואהר געווארען, אז אידען אין פוילען גיבען א גרויסען פראצענט האנדווערקער און ארבייטער, נאר אויך דערמיט, וואס אין איהם האט זיך אביסעל אבגעשפיגעלט די פסיכאלאגיע פון די יונגע־לייט, משכילים, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט זאמלען ידיעות.

די זאמלער האבען צוגעשריבען א סך זאכען, וואס האבען ניט געהאט קיין שום שייכות צו דער סטאטיסטיק, און האבען כמעט צו יעדען פון די אבגעשריבענע צוגעגעבען א קליינע כאראקטעריסטיק. און אין יעדען פאל איז געווען לייכט צו דערקענען צי דער זאמלער סימפאטיזירט מיט דעם אבגעשריבענעם, צי ניין.

מען האט, למשל, בעשריבען א אידענע, א סוחר'טע: וויפיעל זי פערמאגט, וויפיעל קינדער זי האט א. א. וו. נאך צום סוף איז געווען צוגעגעבען, אז אין דער שטאדט רעדט מען אויף איהר.

ביי א איד, א סוחר, איז געווען צוגעגעבען, אז ער האט שוין דריי מאל באנקראטירט. ביי אן'אנדערן, אז ער קען אויסווענדיג גאנץ ש"ס.

ביי איינעם א שניידער איז געווען צוגעגעבען, אז ער האט שוין דאס פיערטע ווייב.

אין א סך ערטער איז פרץ אליין געפאהרען זאמלען ידיעות, און א דאנק דעם איז די אידישע ליטעראטור בעשיינט געווארען מיט אזא בריליאנט, ווי די „רייזע־בילדער" פון פרץ.

ביים בעארבייטען די סטאטיסטיק איז ביי מיר פארגעקומען א קאמישער עפיזאד, וועלכען איך וויל ניט פערלייקענען.

# פּרץ.

את חטאי אני מזכיר היום.

בכדי צו פֿערלייכטערן די אַרבייט האָבען מיר געהאַט גרויסע בויגען פּאַפּיער מיט פֿאַרטיגע פֿערשיעדענע פֿראַגען, וועלכע מיר האָבען אויסגעפֿילט מיט אַנטוואָרטען. פֿאַר יעדער מלאכה האָבען מיר גענומען אַ בעזונדערען בויגען, אויף וועלכען ס'האָבען זיך געקענט אויסשטעלען פֿערציג פּאַרשוין.

איז געווען מעהר ווי פֿערציג, האָבען מיר אין דער נידער צוזאַמענגערעכענט אַלע רובריקען און האָבען זיי איבערגעטראָגען אויף אַ נייעם בויגען.

ס'איז געווען אַ הייסער תמוז־טאָג. די היץ אין צימער איז געווען נישט צום אויסהאַלטען און די פֿליגען האָבען נישט געלאָזט לעבען.

איך האָב שרעקליך געשוויצט ביי דער סטאַטיסטיק און האָב קוים דערלעבט זיבען פֿאַרנאַכט.

מיר האָבען געזאָלט אַלע געהן אין שווייצער־טהאָל אויף אַ סימפֿאָנישען קאָנצערט. די סימפֿאָנישע קאָנצערטען זענען פֿאָרגעקומען זומער אין שווייצער־טהאָל, במשך פֿון שעהנע עטליכע יאָהר, צוויי מאָל אין דער וואָך — מיטוואָך ביי נאַכט און שבת ביי נאַכט.

פֿאַר אַ געוויסען קרייז, צו וועלכען איך האָב אויך געהערט, האָבען די אָווענדען געהאַט נישט נאָר אַ מוזי־קאַלישען ווערטה, נאָר אויך אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפֿט־ליכען.

דער ערשטער שטאַמגאַסט פֿון דעם קרייז איז געווען נחום סאָקאָלאָוו—די פֿאַמיליע איז געזעסען אויף אַ זומער־וואָהנונג—, ער איז געקומען זעלטען אַליין, מייס־טענטייל מיט עטליכע געסט.

דער צווייטער שטאַמגאַסט איז געווען פּרץ, אויך שטענדיג מיט עפּעס אַ פּנים חדשות. אַרום די צוויי האָ־בען זיך גרופּירט ליטעראַטען, קינסטלער, סימפּאַטיקער,

סטודענטען און סטודענטקעס. ס'האט זיך געבילדעט אזוי ארום אנ'ארט „שפּאצירעדיגער קלוב“.

געקומען זענען מיר אלע געוועהנליך פריהער פון אנדערע, בכדי צו פערנעהמען צוזאמען א באנק און עס האט זיך באלד אנגעהויבען א שמועס פון פאליטישע, ליטערארישע און געזעלשאפטליכע געשעהענישען. בשעת די אנטראקטען און נאכ'ן קאנצערט האט מען אויך דיספוטירט וועגען וואס איהר ווילט נאר. נישט איין נאוועלע און נישט איין לייט־ארטיקעל איז אויף די אוונטען בעשאפען געווארען, נישט איין געזעלשאפטליכע פראגע איז דארט בעארבייט געווארען. אפילו וועגען שחיטה האט אונז סאקאלאוו'ס גאסט, דאקטאר רעמבא, אנטוויקעלט זיין שטאנדפונקט אויף א סימפאנישען קאנצערט, וועלכען מיר האבען איבער איהם נישט געקענט הערען.

מיר האבען אנגעווענדעט אלע אונזערע כחות אבצוגייגען דעם געשפּרעך אויף אנ'אנדערע טעמע, ס'איז אונז אבער נישט געלונגען.

דאקטאר רעמבא האט נישט בעמערקט נישט דעם שענעם זומער־אווענד, נישט דעם בלויען הימעל מיט די מיליאנען שטערען, נישט די שענע מוזיק און אפילו נישט די עטליכע היבשע דאמען פון אונזער חברה און האט נאר גערעדט מכח שחיטה. נאכ'ן קאנצערט פלעגען מיר אלע ארויסבעגלייטען ... אראבצופאהרען מיט דראזשקעס, אדער מיט'ן טראמוואי, אויף די נאלעווקעס צו העקסעלמאנען, וואו דער בעקאנטער מארין האט אונז מיט א פיפיגער מינע אויסגערעכענט, וואס פאר אלערליי פישען ער האט און וואס פאר אלערליי בראטען ער קען מכין זיין, הגם ער האט שוין געוואוסט פאראויס, אז ס'וועט זיך אודאי ענדיגען מיט א „פיערטעל גענזענס“.

און ס'איז טאקי אזוי געוועזען.

ביים עסען איז שוין פארגעקומען שיחת חולין,

אָבער פֿון אמת'ע תּלמידי חכמים. גלייכוואַרטיק האָבען זיך געשאָטען, ווי פֿון אַ זאַק. איינער האָט נאָך נישט גע־ענדיגט און דער צווייטער האָט שוין אָנגעהויבען צו דער־ציילען עפּעס אַנדערש. ס'איז געווען אַן אמת'ער קאָנ־קורס פֿון אידישע אַנעקדאָטען און וויצען. דעם ערשטען פּריז פֿלעגט שטענדיג בעקומען סאָקאָלאָוו. פּרץ איז דאָך געווען זעהר וויציג און שלאָגפֿערטיג, אָבער דערציילען אַנעקדאָטען פֿלעגט ער זעהר שוואַך, נישט אַזוי ווי, למשל, סאָקאָלאָוו, שלום־עליכם אָדער דוד פֿרישמאַן.

נאָכ'ן עסען פֿלעגען מיר ערשט צוריקציגעהן אין די אַלטען אויף שוואַרצע קאַווע, און האָבען אַרומשפּאַצירט און אָבגעפֿיהרט איינער דעם אַנדערען כּמעט ביז ס'איז געוואָרען טאָג.

קאָמישע סצענעס פֿלעגען שטענדיג פּאַסירען ביים צאָהלען. דאַמען און געסט זענען דאָך געווען דורכ'ן פּרץ פֿון צאָהלען. מיר יונגע לייט, הגם מיר האָבען אַ סך געלד נישט געהאַט, האָבען אָפּטמאָל פֿאָרט געוואָלט צאָהלען. אָבער סאָקאָלאָוו און פּרץ האָבען קיינמאָל אונז נישט צו־געלאָזט דערצו. יעדער פֿון זיי האָט אויסגעכאַפּט די בכורה און האָט זיך בעמיהט צו בעצאָהלען דער ערשטער, נאָר פֿערקעהרט, ווי דער סדר עולם איז.

האָט גראָד פּרץ נישט געהאַט ביי זיך די נויטיגע סומע, האָט ער שוין שפּעטערהייער געכאַפּט ביי איינעם פֿון זיינע מקורבים עטליכע רובל און האָט בעצאָהלט.

אַזעלכע לוסטיגע אידישע אָוועגדען, וועלכע מיר האָ־בען דעמאָלט פֿערבראַכט, זענען דאַכט זיך, שוין גאָר אומטעגליך.

ס'איז קיין שום וואונדער נישט דערפֿאַר, וואָס איך בין געזעסען איבער דער סטאַטיסטיק אין איין מורא, אפשר וועל איך חלילה פֿערשפּעטיגען אויפ'ן קאָנצערט.

כ'האָב געענדיגט אַ בויגען מיט שניידער'ס.

# פּ ר י ז.

פּונקט פֿערציג! גאָר וואויל!

אָבער אינ'ם לעצטען אויגענבליק האָב איך געפֿונען נאָד איין שניידער.

ס'איז מיר אזש ניט גוט געוואָרען!

מוז איך, הייסט עס, איבערטראָגען אלע רובריקען אויף א צווייטען בויגען, און דאָס אלץ צוליעב איין שניידער.

ס'איז שוין א פֿירטעל אויף אכט, דער קאָנצערט הויבט זיך אָן פּונקט האלב אכט, דער וועג דאַרף דאָך אויך עפּעס דויערן. און די בויגען מוז מען נאָך היינט אוועקשיקען אין ביוראָ.

וואָס זשע טהוט מען?

אין גאַנצען פֿערפֿעהלען דעם שניידער האָב איך ניט געהאַט קיין האַרץ. בין איך געפֿאַלען אויף אַנ־המצאה.

אזוי ווי פּריז'ס זוהן לוציאַן האָט גראָד געענדיגט א בויגען מיט שוסטער'ס, וואו ס'איז געוועזען נור עטליכע און צוואַנציג, האָב איך איהם צוגעוואָרפֿען דעם איר, גלייך ער וואָלט געוועזען א שוסטער. אזוי אַרומער האָב איך מיר געטראַכט, וועט דער איך ניט פֿערלוירען ווערען.

איך בין אוועקגעלאָפֿען אויפ'ן קאָנצערט.

אין דעם אָוועגד איז גראָד געוועזען ביי אונז זעהר לוסטיג, מען האָט פּשוט ניט אויפֿגעהערט צו לאַכען.

איך געדענק, ווי היינט, אז מען האָט געשפּיעלט די פֿינפֿטע סימפּאָניע פֿון בעטהאָווען. און דער סימפּאָניע איז דאָ אַנ'אָרט, וואו מען הערט אויסדריקליך, גלייך עמיצער וואָלט געקלאַפּט. ס'זאָגען דאָ דערייבער פֿערשיעדענע לעגענדען און פּרושים. מייל זאָגען, אז בעטהאָווען איז אמאָל פֿערבלאָנדזשעט געוואָרען אין א קלויסטער און האָט ניט געקענט געפֿינען דעם אַרויסגאַנג. ער האָט

איהם לאַנג אַרומגעזוכט און בײַ דער געלעגענהײַט האָט ער בעשאַפֿען די מעלאָדיע.

אַנדערע ערקלערען דאָס מיט אַ פּשוט'ער פּראָזע: זײַ זאָגען, אַז בעטהאָווען איז געוועזען אַ גרויסער בעל־חוב, און ס'איז אַמאָל געקומען צו איהם דער קאָמאַר־ניק, וואָס האָט שטאַרק געקלאַפּט און בעטהאָווען האָט איהם ניט געוואָלט אַרײַנלאָזען. פּאָליאַקען רופֿען די סימפאָניע דערפֿאַר „קאָמאַרטשאַנאַ“.

צווישען אונזער חברה האָבען זיך אויך אָנגעהויבען צו שיטען סברות, וואָס אַלץ פֿאַר אַ'אַרט קלאַפּערײַ איז מעגליך אויף דער וועלט: קלאַפּען קאָפּ אין דער וואַנד. המן־קלאַפּען, הושענות־קלאַפּען א. א. וו. און נאָך אַ לאַנ־גען דיספוט איז בײַ אונז געבליבען, אַז דאָס האָט אוודאי דער שמש און וויען געקלאַפּט צו סליחות, און אַנשטאָט צו קלאַפּען בײַ דעם גבאי האָט ער על פּי טעות אָנגעקלאַפּט בײַ בעטהאָוו'ענען.

בײַ דער געלעגענהײַט האָט פּרץ אַ תּל געמאַכט פֿון דער אַזוי גענאַנטער: „פּראָגראַם־מוזיק“ און האָט אויסגע־לאַכט די אַלע מפרשים, וואָס זוכען אין יעדען טאָן, אין יעדער מוזיקאַלישער פֿראַזע אַ פֿילאָזאָפֿישען געדאַנק.

אין אַזאַ לוסטיגער אַטמאָספֿערע האָב איך, זעלבסט־פֿערשטענדליך, אין גאַנצען פֿערגעסען אָן די סטאַטיסטיק און אָן דעם שנײַדער, וועלכען איך האָב איבערגעמאַכט אויף אַ שוסטער. ווי איך בין אָבער פֿאַרטאָג געקומען אַ היים און האָב מיר געלעגט שלאָפֿען, האָט זיך מיר בעווי־זען אין חלום אַ מאָגערער, בלאַסער איד מיט אַ קאָזע־בערדיל. ער איז געוועזען זעהר אויפֿגערעגט און האָט שטאַרק גערודערט מיט דער רעכטער האַנד, און וועלכער ער האָט געהאַלטען אַ פּרעס־אײַזען, וואָס האָט געגליהט, ווי פֿײַער.

— „גוואַלד, גזלן — האָט ער געשריען — וואָס האָט איהר פֿון מיר געוואָלט האָבען, און מײַן גאַנצער משפּחה

איז פּרוד השם קײן שוסטער ניש״ט“.

איך האָב מיר אויסגערעכנט זעהר פערשידענע זאַכען, נישט אַזוי פיעל פון שרעק פאַר'ן שניידער מיט'ן פּרעס־אײזען, ווי פּשוט פון דער גרויסער היץ, וואָס איז געווען אין מײן קלײן שטיבעלע.

דער שניידער איז פערשוואונדען געוואָרען, ס'האָ־בען אָבער מיר אָנגעהויבען צו עסען מײנע געוויסען. ס'טײטש, ווי טהוט מען אַזוינס? ס'איז דאָך סטאַטיס־טיק, פון וועלכער מען וועט ארויסציהען פערשיעדענע וויסענשאַפטליכע און געזעלשאַפטליכע פאָלגען. ווי אַזוי קען מען זי פעלשען?

צו פּרץ'ן בין איך געקומען אין אַ זעהר שלעכטער לוינע, און בכדי זיך אַביסעל גרינגער צו מאַכען, האָב איך איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה.

פון אָנהויב האָט ער זיך נישט געקענט אײנהאַלטען פאַר געלעכטער. שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ זעהר ערנ־סטע מינע און האָט געזאָגט: „אוודאי האָט איהר שלעכט געטהון! דער איד איז אפשר נעבעך אַ שלעכטער שנײ־דער, וועט ער דאָך זײן נאָך אַ'ערגערער שוסטער“.

נאָך אַ קלײנער ווײלע האָט פּרץ צוגעגעבען: „און אפשר איז דאָס גאָר אַ קוק? דעם איד איז אפשר בע־שערט געווען צו זײן אַ שוסטער, נאָר איבער עפּעס אַנ־עבֿרה איז ער מגולגל געוואָרען אין אַ שנײדער, זענט איהר געקומען און האָט איהם מתקן געוועזען“.

נאָך דעם אַלעם האָט פּרץ מיר געטרײסט, און האָט מיר צוגעזאָגט צו שיקען באַלד אין ביוראָ אַ שליח מיוחד מיט אַ בקשה, איבערצוטראָגען דעם שנײדער אויף זײן גע־העריגען בכבוד'יגען אָרט.

איך האָב איהם זעהר געדאַנקט.

פון דעמאָלט אָן האַלט איך פאָרט ווײניג פון סטאַ־טיסטיק.

## VI.

ווייל מען ריכטיג דערקענען דעם כאראקטער פון א מענש, זאל מען זיך קיינמאל נישט בעגנוגענען מיט זיינע גרויסע טהאטען. גרויסע זאכען טרעפען זיך אינ׳ם לעבען גאנץ זעלטען, און איין מאל אדער צוויי מאל קען יעדער זיך ווייזען בעסער, ווי ער איז.

דער אמת׳ער כאראקטער פון א מענש ווערט דערקענט אין קליינינקייטען, אין אזעלכע האנדלונגען, וואס טרעפען זיך אפט, עטליכע מאל אין טאג. דעמאלט איז קיינער נישט אימשטאנד זיך צו מאסקירען.

אנ׳אלט שפריכווארט זאגט: „פאלען — פאלט מען דורך א קליין שטיינדעל און נישט דורך א גרויסען שטיין“.

כשעת איך האב מיך בעשעפטיגט מיט דער סטאטיסטיק, האב איך ביי פרץ׳ן כמעט געוואוינט, און כ׳האב געהאט די מעגליכקייט איהם צו זעהן פון דער נאהענט אין פערשיעדענע מאמענטען און איהם צו דערקענען גוט, אלס מענש, אוועקלייגענדיג אין דער זייט זיינע ליטערארישע פעהיגקייטען.

פרץ איז געוועזען א גוטער מענש, וואס איז געווען בכח צו טיילען זיך מיט׳ן ביסען, מיט׳ן לעצטען רובל. ער איז געווען א ברייטער מענש, מיט אנ׳אמת אידיש הארץ, ער האט אויך געהאט מאמענטען, ווען ער האט מיט זיין ברייטקייט א ביסעל דערמאהנט דעם שליאכטשיץ פון די גאר אלטע צייטען.

בטבע איז פרץ געווען א פשוט'ער מענש, א דעמאָקראַט, וואָס האָט ווייניג כבוד געלעגט אויפ'ן שטאַנד און פערמעגען. ער האָט פאַר אלע געהאַט איין שפּראַך. אָפּגעהערציג איז ער צייטענווייז געווען שוין אפשר צו פיעל. האָט ער עמיצען ניט ליעב געהאַט, האָט מען עס באַלד דערקענט.

פרץ איז געווען אויך א גרויסער מכניס אורח. ווען ער איז אום הערבסט אריבער מיט דער פאַמיליע פון דער זומער־וואָהנונג אין שטאָדט אריין, אין אַנ'איינגענער וואוינונג אויף צעגלאַנא נומער 1, איז באַלד ביי איהם געוואָרען אַנ'אָפּען הויז מיט אמת'ע גאַסטפריינדשאַפט אָהן שום פאַלשקייט און עטיקעט. ווער ס'איז געקומען האָט זיך געזעצט צום טיש; מען איז צרויפגעקומען הונגעריג און מען איז אראָבגעגאַנגען זאַט, אויבוואָהל פרץ איז דעמאָלט קיין גרויסער גביר ניט געווען.

פרץ'ס פרוי איז געווען ניט ווייניגער גאַסטפריינדליך, ווי ער אליין. זי פלעגט צו זיצען ביים טיש און האָט ניט אויפגעהערט מכבד צו זיין מיט גוטע קאַווע, און צו מאַכען פון גוטען טאַבאַק פאַפּיראָסען פאַר'ן מאַן און פאַר זיינע געסט.

האָט מען גראָד קיינעם ניט געטראָפען אין דער היים, האָט שוין דאָס דיענסטמיידעל רוזשע אליין מכבד געווען. ס'איז אלץ געווען אָפען.

רוזשע איז מיטגעקומען פון זאַמאָשטש און איז געווען ביי פרץ'ן 23 יאָהר. זי איז געווען, ווי א מיטגליעד פון דער פאַמיליע. זי האָט שוין געהאַט צווישען די ליטעראַטען איהרע סימפּאַטיעס און איהרע אנטיפּאַטיעס.

דינעזאָן האָט זי גערופען: אמתא דבי רבי.

ווען זי האָט חתונה געהאַט, האָבען זיך אלע מקורבים פון פרץ זעהר משמח געווען.



פרץ מיט זיין פרײַנד דינעזאהן.

די דירה אויף צעגלאַנאַ נומר 1 האָט געדרונגען פּרץ'ס פרוי אין דער בעגלייטונג פון דינעזאָן מיט מיר. פּרץ אַליין האָט זיך ניט געמישט און איז פאַראויס בעשטאַנען אויף אונזער גוטס.

די דירה איז בעשטאַנען פון דריי גאַנץ גרויסע צימער מיט אַ קיך.

דאָס מעבעל איז בעשטאַנען נאָר פון די נויטיגסטע זאַכען אין ווירטשאַפט, אָהן אַ שום קאָמפאָרט.

דער טיש, ביי וועלכען פּרץ האָט געשריבען, איז געווען אַנ'אייַנפאַכער טיש מיט עטליכע שופלאָדען און אָהן אַ שום בעפּוצונג.

דער טיש שטעהט אצינד ביי דינעזאָנ'ען.

די בעשיידענהייט פון דער דירה און פונ'ם מעבעל האָט פונדעסטוועגען ניט געשטערט, אַז די דירה זאָל מיט דער צייט ווערען אַ אידישער ליטעראַרישער צענטער. אַנ'אָרט, וואוהין ס'האָבען געמוזט עולה רגל זיין די אַלע, וואָס האָבען דעמאָלט געהאַט אַ שטיקעל שייכות צו דער אידישער ליטעראַטור און קונסט.

איך מיין, אַז צווישען דער גאַנצער פּלעיאַדע פון אידישע שריפטשטעלער, קינסטלער און כלל-טהוער פון יענער צייט וועט זיך ניט געפינען קיין איינציגער, וואָס זאָל ניט געוועזען זיין אויף צעגלאַנאַ נומר 1.

אַזאַ צענטער האָט דעמאָלט אין וואַרשאַ געפעהלט.

די צאָהל מענשען, וואָס האָבען געוואָלט הערען, אָדער זאָגען אַ ניי וואָרט, האָט געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. די צייט, ווען מען איז יוצא געוועזען מיט דער אַזוי גערופענער „השכלה“, איז שוין געוועזען פאַרביי. מען האָט שוין געהאַט אוועקגעוואָרפען די חקירות, אויב אידען זענען יאָ אַ פאָלק, צי ניט קיין פאָלק; אויב אידען האָבען רעכט צו אנטוויקלען זייער ליטעראַטור, צי ניט. די יוגענד האָט געוואָלט עפּעס טהון, אַרויסווייזען אַביסעל

ענערגיע. מען איז אבער געווען צוזיים און צושפרייט און ס'איז נישט געווען קיינער, וואס זאל האבען די קראפט די אלע צו פערזאמלען און צו קאנצענטרירען.

ארום דער „הצפירה“, דעם איינציגען אידישען אָרגאַן דעמאלט אין ווארשא, האבען זיך געדרעהט עטליכע העברעאישע פובליציסטען, אבער א ליטעראַרישען צענטר, אפילו א ריין־העברעאישען, האט זיך דאָרט נישט געבילדעט און האט זיך נישט געקענט בילדען. סאקאלאוו האט נישט בעדארפט קיין מיטהעלפער, און אויב לודוויג דער פערצעהנטער האט געהאט דאס רעכט צו זאגען וועגען פראנקרייך, אז „דאס קעניגרייך—דאס בין איך“ (L’etat c’est moi) האט סאקאלאוו געקענט מיט מעהר רעכט זאגען: „די „הצפירה“—דאס בין איך“.

דאס איז געווען, לויט מיין מיינונג, די וויכטיגסטע סבה, פאר וואס ארום דער „הצפירה“ האט זיך נישט געבילדעט קיין ליטעראַרישער צענטער. א חוץ דעם איז געווען אפשר נאך א מניעה אין דעם גרויסען אריסטאקראטיזם פון סאקאלאוו'ן, וואס האט נישט יעדען געוואלט צו זיך צולאזען.

ווי די זאך זאל נישט זיין, א פאקט איז, אז ס'האט דעמאלט אין ווארשא געפעהלט א צענטער, וואו אלע אידישע ליטעראַרישע און געזעלשאפטליכע כחות האבען זיך געקענט פערזאמלען און קאנצענטרירען. די כבוד'יגע ראָלע צו שאפען אזא צענטער איז אויסגעפאלען פרץ'ן. די אלע, וואס האבען דעמאלט אין ווארשא געהאט דאס בערעהמטע ארויסצוזאגען עפעס א נייע אידיש וואָרט, די אלע, וואס האבען געהאט א שטיקעל קולט פאר די אידישע ליטעראטור און קונסט, די אלע, וואס האבען געהאט א שטיקעל געזעלשאפטליכע איניציאטיווע, די אלע האבען זיך בוסלעכוויז אנגעהויבען צו גרופירען ארום פרץ'ן,

וואס האט פערמאגט אין זיך עפעס א מאגנעטישע קראפט צו צוציהען מענשען.

די אלע פרץ'ס סאטעליטען האט מען געקענט טרעפען ביי איהם אום שבת

דער טאג איז געוועזען פאר פרצ'ן און פאר אלע זיינע מקורבים דער בעסטער אין דער וואך; פרץ איז דעמאלט געוועזען א פרייער מענש און די נשמה יתרה זיינע האט זיך אבגעגעבען נאר דער ליטעראטור.

אום שבת האט זיך ביי פרצ'ן די טהיר נישט פערמאכט פון גאנץ פריה אן, איינער ארויס, איינער אריין. פונקט, ווי אין א טויבענשלאק.

גאר פון אנהויב איז די געזעלשאפט געוועזען דארט א געמישטע. נעבען יעקב דינעזאן האט מען דארט געטראפען עטליכע פלאצקער און זאמאשטשער משכילים. גראסגליק'ען פון דער גמינע, פרייד'ען, פרענק'ען און אנדערע. שפעטער ווערט ביי פרצ'ן ביסלעכווייז א ריינער ליטעראריש-קינסטלערישער סאלאן. מען טרעפט שוין דארט דוד פינסקי'ן, דאקטאר עליאשעוו (בעל מחשבות), דר. קלויזנער, חר. משורר און שפעטער אש'ן, נאמבערג'ען, ראזענפעלד, הירשביין, ווייסענבערג, גרינבוים און אלע אנדערע דעמאלדיגע אנפענגער. אום שבת ביי פרצ'ן האט מען געהערט פון אלע ליטערארישע נייעסען, נישט נאר פון דער יודענגאס, נאר פון גאנץ אייראפא. מען האט זיך אינטערעסירט מיט סטאניסלאווסקי'ס און ריינהארדט'ס טעאטער, מיט ליליען'ס מאלעריי; מען האט דיספוטירט מכח א רעפארמירטען אידישען טעאטער, איבער א אידיש פאלקס-הויז, איבער א ליטערארישע קאסע א. אז. וו.

ביי פרצ'ן אום שבת האט מען זיך געקאנט בעגעגנען מיט אידישע ליטעראטען, ארויסגעבער, שוישפילער, סקולפטארען און מאלער מארבע פנות העולם. עמיצער פון דער חברה זאל זיין אין ווארשא און נישט קומען צו פרצ'ן,

וואלט געוועזן דאס זעלבע, וואס צו זיין אין דוים און נישט צו זעהן דעם פויפסט.

קומט צו פאהרען קיין ווארשא עפעס א חזן פון גאליציען, וואס מיינט, אז ער זינגט גוט אידישע פאלקסלידער — טרעפט מען איהם ביי פרץ'ן.

קאמפאנירט לעווקאוו א מוזיקאלישען פאעמאט: „דער פאגראם“, ברענגט ער איהם ארויף אום שבת צו פרץ'ן.

מען קען זאגען אהן א שום גוזמא, אז אום שבת ביי פרץ'ן, האט מען געהאלטען דעם פולס פון דער גאנצער נייער בעוועגונג אין דער אידישער ליטעראטור און קונסט. האב איך אמאל געמוזט פערפעהלען א שבת — האט ער מיר פשוט געפעהלט.

אין די שבתים פלעגען די היימישע ליטעראטען פארצולעזען, וואס זיי האבען אויפגעשריבען אדער צו דערצעהלען, וואס זיי ווילען אויפשרייבען און די גאנצע חברה האט קריטיקירט. פרץ אליין פלעגט אויך פארצולעזען זיינע שאפונגען און אויסצוהערען מיט גרויס ענוות אפילו א שטרענגע קריטיק.

איך געדענק א שבת, ווען פרץ האט פארגעלעזען דעם ערשטען קאפיטעל פון א ראמאן — ער האט דורכאויס געוואלט אויפשרייבען א גרויסען ראמאן.

דער קאפיטעל איז געווען אויפגעשריבען זעהר שען, ס'איז אבער שוין געווען א גאנצע זאך, אזוי ווי פרץ דער נאוועליסט איז געוואהנט געווען צו שרייבען; ס'איז שוין כמעט נישט געבליבען מעהר, וואס צו ענטוויקלען.

דינעזאהן האט איהם דערויף געמאכט אויפמערקזאם.

„הער אוים — האט ער איהם געזאגט — אין דעם ערשטען קאפיטעל איז שוין דא דער קונפטיגער חתן, די קונפטיגע כלה און א צווייטער יונגערמאן, וואס ליעבט זיך אין איהר, ס'זענען שוין אפילו דא די עלטערען פון די יונגע

מענשען, וואס פיהרען צווישען זיך מחלוקת. וואס-זשע קען נאך זיין ווייטער?"

פרץ האט איהם אנגעקוקט פערקלערט און זאגענדיג: „דינעזאהן, בויזט געראכט" האט ער געעפענט דעם שופלאד פונם שרייבטיש און האט דארט אריינגעווארפען דעם מא-נוסקריפט. מעהר האט שוין פרץ פונם ראמאן נישט גערעדט.

די שבתים ביי פרץ'ן זענען געווען בכלל זעהר געמיט-ליך. די קאן מיט קאווע איז נישט אראב פונם טיש, אלע האבען געטרונקען און האבען זיך געלאזט וואהלגעהן.

די גאנץ נאהנטע זענען געבליבען אויף מיטאג.

די נשמה פון די שבתים איז, זעלבסטפערשטענדליך, געווען פרץ. ער איז געזעסען געוועהנליך אין נעגליזשע און האט נישט אויפגעהערט צו דרש'נ'ען, אדער ער האט פארגע-לעזען זיינע אייגענע שאפונגען, אדער ער האט קריטיקירט אנדערע, אויפהויבענדיג איינעם ביז'ן הימעל און אראבווארפענדיג דעם אנדערן עד שאול תחתיה.

ס'איז כמעט נישט געווען דער שבת, אז פרץ זאל נישט האבען ענטדעקט עפעס א נייען טאלענט, עפעס א נייען שריפטשטעלער.

אין דער בעציהונג האט פרץ געהאט, אזוי ווי מען זאגט, א נאז. ער האט גיכער זיך טועה געוועזען, געפינענדיג אפטמאל א גרויסען טאלענט דארט, וואו ער איז נישט גע-וועזען אזוי גרויס, איידער נישט צו דערשעצען דעם אמת'ען טאלענט.

אזוי ארום האט אום שבת ביי פרץ'ן געקאכט א גאנ-צען טאג, ווי אין א קעסעל, און פארנאכט ביין השמשות האט מען אנגעהויבען צו זינגען אידישע פאלקסליעדער, גאמבערג האט מיט זיין שוואכען לירישען טענאר א זונג געגעבען:

## פּרץ.

די ביימעלעך בליִען,
די יאָהרעלעך פֿליִען,
די צייט געהט אַוועק ווי אַ רויך..

און די גאַנצע חבֿרה האָט מיטגעהאָלפֿען. דערנאָך איז מען אַרויף אויף „אונזער רבּי'ניו", „מאיר'קע מיין זוהן", „די אַלטע קשיא", און אַנדערע פּאָפּולערע לידער.

די שטימונג איז געווען אַ מיסטישע און פּרץ האָט דעמאָלט געמאַכט אַן'איינדרוק פֿון אַ רבּי'ן, אַרומגערינגעלט פֿון חסידים.

# VIII.

פרץ איז געווען, ווי ס'איז באקאנט, א בעאמטער אין דער אזוי גערופענער: „גמינא סטאראזאקאנגיד“.

מען דארף נישט זיין קיין גרויסער פסיכאלאג, בכדי צו פערשטעהן, ווי ווייט פרץ'ן האט געדריקט די חסידיש־אסימילאטארישע ספערע, וואס האט דארט געהערשט, אבער וויפיעל מען שטעלט זיך פאר, איז אלץ וועניג.

ווען פרץ איז געקומען קיין ווארשא פון זאמאשטש, האט ער די שטעלע אינם קהל־שטיבעל געמוזט אננעהמען, בכדי צו האבען א וועלכע ס'איז עקזיסטענץ. שפעטער ווען ער האט שוין אפילו אביסעל פערדיענט פון דער ליטעראטור, האט ער אויך נישט געקאנט זיך פון דארט ארויסרייסען, ווייל ער וואלט פשוט נישט געהאט פון וואנען צו לעבען.

וואס אמת איז, ער האט דארויף נישט געקוקט, אבער די פריינד זיינע האבען דאס נישט צוגעלאזט. נישט קוקענדיג דארויף פלעגט פרץ שטענדיג זיך ארומטראגען מיטן געדאנק מכח א דעמיסיע.

איינמאל איז ער געקומען צו מיר זעהר אויפגערעגט. ער מוז ארויס פון דער גמינע, האט ער געזאגט, לענגער קען ער שוין נישט אויסהאלטען. ער האט זיך שוין אנ'עצה געהאלטען מיט דינעזאנ'ען, פארלישעווסקי'ן און דר. משורר. וואס זיי האבען געזאגט, וועט ער מיר זאגען שפעטער, אצינד וויל ער הערען אויך מיין מיינונג.

איך האב אים אבגעראטען.

איך האב אים געגעבען צו פערשטעהן, אז ער מיט זיין אפען הויז און מיט זיין אפענער האנד וועט נישט קאנען עקזיסטירען אהן דעם געהאלט, הגם זי איז געווען א זעהר קליינע. איך האב אים געגעבען צו פערשטעהן, אז אידישע שריפטשטעלער מוזען האבען עפעס א ביי-מלאכה, זיי מוזען אונטערקנעלען, האנדלען מיט טהע, מיט קונסט-ליכע בלומען א. אז. וו. די אידישע געזעלשאפט האלט נישט אויס איהרע שריפטשטעלער, די ארימע קענען נישט און די בעמיטעלטע ווילען נישט.

ס'האט זיך אויסגעוויזען, אז כמעט דאסזעלבע האבען אים געזאגט דינעזאן, פארלישעווסקי און משורר.

ער האט אונז געפאלגט, ער איז אבער געבליבען אונ-צופרידען.

איינמאל האט ער זיך דאך אנגעגעבען אין דעמיסיע, אבער אויף דעם עפיזאד וועל איך מיך אבשטעלען אין אנ'אנדער ארט.

יעדעס מאל, וואס איך בין צו אים אריינגעפאלען אין די גמינע — איך פלעג עס טהון זעהר אפט — פלעגט ער מיר ווייזען אויף געוויסע פארשוינען, וועלכע ער האט נישט געקאנט ליידען און האט געזאגט איראניש: אט דאס זענען מיינע בעלי-בתים.

איך אליין פלעג שטענדיג ארויסגעהן פון דער גמינע מיט שברות הלב, פרץ א „מענש“ אין דער גמינע! פרץ מוז זיך בעשעפטיגען מיט עטאט, קבורה-געלד און ענליכע זאכען! און פאר וואס'ער בעלויהן? גאר פון אנהויב האט ער גענומען 540 רובל א יאהר און אין די לעצטע צוויי יאהר האט ער דערגרייכט א מאקסימום פון 2400 רובל א יאהר. טאקי נאר אזא פרץ, האט געקאנט גרויס ווערען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז א האלב לעבען אבגע-זעסען אין אזא אטמאספערע, וואס האט געהערשט אין

דער וואַרשאַווער „גמינע“, מאַכט נאָר אַ דאַנק זיין שטאַרקער ענערגיע, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט צו שלאָגען, ווי אַ לעבעדיגער קוואַל, האָט דאָס קהל־שטיבעל איהם נישט געקאָנט שטערען זיך צו ענטוויקלען. אָבער וויפֿיעל קרענ־קונג האָט ער דערפֿון געהאַט? וויפֿיעל שפיכת דמים? ווי־פֿיעל קאָמפּראָמיסען האָט ער געמוזט מיט זיך מאַכען?

ווען איך פֿלעג איהם אום זומער — שוין אַלס עלטע־רער אַרצט — אַרויסצושיקען ערגעץ קיין אויסלאַנד, איז זיין גרעסטע שמחה געוועזען, וואָס ער וועט אויף עטליכע וואָכען פּטור ווערען פֿון דער גמינע.

אין אַלע זיינע בריעף צו מיר, אָדער צו דינעזאָנ׳ען, צי פֿון מאַריענבאַד, צי פֿון שלעזיען, צי פֿון די שענסטע אַלפּען הערט זיך אַלץ אין איינעם דער טרויעריגער געדאַנק, אַז ער מוז דאָך צוריקקומען אין די פֿערהעלטניסע, וואָס האָבען איהם געעקעלט.

שרייבען בריעף, ווי אַלע מענשען שרייבען, פֿלעגט פּרץ זעהר זעלטען. ער האָט נאָר געשריבען אַנזיכטס־קאַרטען אין פֿערזען אָהן אַ דאַטע און אָהן אָנצווייזען דאָס אָרט פֿון וואַנען.

אָט איז, למשל, איין קאַרטע:

אַראָבגעקומען פֿון טהורם,<br>
וואו געזעהן אַ וועלט —<br>
(פֿאַר 10 פֿעניג געלד!)<br>
זיץ מיר איבער אַ ווילדע טויב,<br>
(די זון פֿערגאָלד די שויב!)<br>
און טראַכט מיט שרעק<br>
אַז אַלץ מוז האָבען אַנ׳עק —<br>
עס ווערט אויפֿ׳ן האַרץ פּאַסקינע<br>
צייטונג, פּאָליטיק, גמינע —<br>
און דער חבר, יענער חבת...<br>
און די לופֿט—אַנ׳אויר..

עס ווערט אויפ'ן הארץ קאַלט און קעלטער;
פּחיים, ווײַן מיט זעלטער
מאַכט אַבּיסעל פּריש —
ווילט איהר, גיט עמיצען פֿאַר מיר אַ קיש.
נאָר איהר זאָלט מיך נישט פֿערשעמען
זוכט שוואַרצע אויגען, לאַנגע ברעמען.
אָט איז נאָך אַ בריעף, געשריבען אויף צוויי אַנ־
זיכטס־קאַרטען:
צי האָט איהר פֿון נאחאָד געהערט.
דאָ איז וואַלדענשטיינס שלאָס.
דערווייל טרינקען מיר קאַוועֿ „פֿערקעהרט“,
„צום שוואַרצען ראָס“.
דערנאָך ערשט אַרויף אין דער הייך.
דערווייל ווערט דער טאָג אַזוי בלייך,
ס'ווערט פֿינסטער, ווי איך שטייג,
און מען וועט זעהן אַ פֿייג...
דאָ געהט מען, ווי אַ שקאָפּ,
פֿון דער „האָהע מענזע“ צו דער „שנאַפּע“
אָן אַלע צרות פֿערגעסען,
נאָר געטרונקען, געפֿרעסען
מען קומט אַ היים אַ פּגר...
אָהן חלומות אַ שלאָף!
פֿאַרהאַן אָבער גאָט'ס שטראָף
אַ לוח, אַ זייגער —
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג
און אַנ'עק!
נישט נאָר אַ מענש —
אַלץ האָט זײַן עק!
דער זייגער קלינגט,
דער לוח ווערט געריסען,
עס בלייבט אמאָל שטעהן אין האַלז דער בּיסען.

## פרץ.

אונ בימער ווערט דער זיסער שליק
און אלץ ארום טרייבט: צוריק, צוריק!
לאכט דיך אויס בארג און טהאל.
ווערסט דען צוריקקומען אהער אמאל?

למען האמת מוז איך צוגעבען, אז די „דאזארעס“ (ראשי־הקהל) האבען פרץ'ן גוט בעהאנדעלט, נישט דער פאר, וויל זיי, די רעפרעזענטאנטען פון דער ווארשאווער אידישער קהלה, האבען דערמיט געוואלט ארויסווייזען, אז זיי שעצען פרץ'ן, דעם אידישען שריפטשטעלער, פרץ'ן דעם אידישען דיכטער, פרץ'ן דעם אמת'ן אידישען כלל־טהוער, חלילה, דאס נישט! ווי ווייט זיי האבען דאס אלץ געשעצט, האבען זיי בעוויזען נאך פרץ'ס טויט, ווען זיי האבען צו זיין לויה אפילו קיין דעלעגאט נישט געשיקט. און דעם קאנדאלענץ־בריעף, וואס זיי האבען בעקומען פון די גרעסטע אמעריקאנישע כלל־טהוער, האבען זיי בעהאלטען און נישט פערעפענטליכט. די ראשי־הקהל האבען דערמיט געוואלט ערנידערן פרץ'ן און האבען נישט פערשטאנען, אז דאס האבען זיי נישט ערהייכט און האבען דערמיט זיך אליין צוגעשמידט צום שאנד־סלופ קדורי דורות.

מען האט פרץ'ן אין דער גמינה גוט בעהאנדעלט נאר פשוט דערפאר, וויל ער איז געווען אן ערליכער, פינקטליכער בעאמטער, וואס האט אויף זיך קיין חטאים נישט געהאט. און האט זיך נישט געשעמט צו זאגען יעדערן דעם אמת אין די אויגען.

פאר'ן אמת האט מען דאך אבשיי.

בשעת דעם בעקאנטען סקאנדאל מיט איינעם פון די וויכטיגסטע ראשי הקהל ל.. וואס מען האט פון איהם אנגעהויבען צו דערצעהלען גאנץ מיאוסע זאכען, האט דער ערשטער רעאגירט דערויף דער בעאמטער פרץ, ווי באלד ער האט זיך איבערצייגט, אז אלץ, וואס מען האט

דערציילט איז אמת.

דער ראש הקהל איז גראָד געווען זייער טעטיג אין דער געמיינדע און פּלעגט שוין בעלות דאָרט זיצען ביי דער אַרבייט. ווען ער איז אײַנמאָל אין דער פּריה צוגעגאַנגען צו פּרץ'ן ווי געוועהנליך מיט'ן „גוט־מאָרגען“, און האָט איהם דערלאַנגט די האַנד, איז זי געבליבען אין דער לופטטען. פּרץ איז געבליבען שטעהן קאַלטבלוטיג מיט די הענד אין די קעשענעס.

ערשט נאָך דעם אינצידענט האָט דער פּרעזעס געבעטען דעם ראש־הקהל, אַז ער זאָל אויפהערען צו קומען אין די „געמיינדע“, ביז מען וועט ניט חוקר ודורש זיין דעם גאַנצען ענין.

יעדעס מאָל ווען פּרץ איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ שטאַרקען אַרטיקעל, אָדער מיט אַ שטאַרקע רעדע אַקעגען די אַזוי גערופענע „אַסימילאַציע“, האָבען זיך די אַסימילאַטאָרען אפילו אַנגעבלאָזען און האָבען געמאַכט אַן אסיפה מיט דעם ציעל איהם צו „בעשטראָפען“. ס'האָט זיך אָבער שטענדיג אויסגעלאָזט מיט גאָרניט.

דער פּרעזעס בערגסאָן פּלעגט זאָגען, אַז איהם אינטערעסירט גאָר פּרץ דער בעאַמטער, אָבער וואָס ער טהוט אויסער זיין אמט, געהט איהם ניט אָן. בשעת די וואַהלען צו דער פיערטער דומע, ווען פּרץ האָט גענומען מן הצד אַ גרויסען אַקטיווען אַנטייל אין דער אַגיטאַציע, אַז ס'זאָל געוועהלט ווערען דער אַרבייטער יאַגעלאָ, איז שוין געווען זעהר נאָהענט, אַז מען זאָל איהם אָבזאָגען; די „געמיינדע“ האָט זיך אָבער אודאי דערשראָקען פאַר'ן בריעה, וואָס איז אַנגעקומען פון די באַנקירען שיף און מאַגנוס פון אַמעריקא.

ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסען, אַז אין די לעצטע צייטען האָט מען אפילו אין דער געמיינדע חרד ארץ געהאַט פאַר פּרץ'ן, פאַר'ן ליעבלינג פון דער אידישער מאַסע.

# VIII.

אין דער צײַט, ווען פּרץ האָט אַרויסגעגעבען די „אידישע ביבליאָטעק“ (דרײַ בענדער).—אַביסעל שפּעטער „ליטעראַטור און לעבען“ און נאָך שפּעטער די „יום־טוב־בלעטלעך“,—איז ער געווען זעהר טהעטיג און פרוכטבאַר. ער איז געווען זעהר בעשעפטיגט נישט נאָר אַלס שריפטשטעלער, נאָר אויך אַלס רעדאַקטאָר.

מיטאַרבײַטער האָט ער דעמאָלט געהאַט זעהר וועניג, און בכדי אויסצופילען די בענדער, האָט ער געמוזט זײַן אַ כל־בו. אַ חוץ זײַנע שאַפונגען האָט ער געמוזט אַלײן שרײַבען וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען (ד״ר שטיצער), קריטיק, פעליעטאָנען (ליץ פון דער רעדאַקציע, לצפר) און פערשיעדענע נאָטיצען.

פּרץ פלעגט נישט אַרויסצולאָזען פון אונטער דער האַנד קײן זאַך, וואָס זאָל נישט זײַן עטליכע מאָל איבערגעאַרבײַט און אויסגעבעסערט. אַלס קריטיקער איז ער געווען נישט וועניגער שטרענג פאַר זיך, ווי פאַר אַנדערע.

אויף אַלע זאַכען, וואָס די מיטאַרבײַטער האָבען איהם געגעבען, האָט פּרץ בכלל ליעב געהאַט אַרויפצולעגען זײַן שטעמפּעל. ער פלעגט איבערצומאַכען, צו צוגעבען, אויסצומעקען. אָפטמאָל האָט דער אויטאָר פּשוט זײַן זאַך נישט דערקענט, וואָס פלעגט, זעלבסטפערשטענדליך, אַרויסצורופען זעהר גרויסע מיספערשטענדניסען.

פּרץ איז נישט יוצא געווען דערמיט, וואָס ער אַלײן האָט געשריבען, ס'איז געווען צו וועניג פאַר זײַן

לעבהאפטען טעמפעראמענט און פאר די שטארקע ענער־גיע, מיט וועלבער ס'איז געוועזען אנגעזאפט יעדע פון זיינע צעלען, ער האט נאך געמוזט בעפרוכטען אנדערע און אנגעטער זיין איינפלוס האבען דעמאלט אנגעהויבען צו שרייבען א סך יונגע מענשען, וואס האבען פריהער קיין פעדער ניט געהאלטען אין דער האנד.

נעהמט אלע דעמאלטיגע פרץ'ס אויסגאבען אין איהר ווערט דארט טרעפען אנ'ערציהלונג פונ'ם נמיגע־בעאמטען שלמה גראסגליק, א וויסענשאפטליכען ארטיקעל פונ'ם אדוואקאט קליינערמאן, איהר וועט דארט לעזען עט־ליכע גאנץ שעגע זאכען פונ'ם סוחר וואלפזאהן (אברהם פארלישעווסקי), עטליכע גייסטרייכע נאוועלען פון מ. י. פרייד, א סך וויסענשאפטליכע ארטיקלען, פעליעטאנען און נאוועלען פון סטודענטען א. א. וו.

קומט צו פאהרען קיין ווארשא ד"ר משורר, וואס שרייבט נאר דייטש, בעאיינפלוסט איהם פרץ, אז ער זאל אנהויבען צו שרייבען אידיש. קענען די סטודענטען קוויא־טעק און שטענצעל לחלוטין ניט קיין אידיש, בעט זיי פרץ צו שרייבען אויף פויליש און ער זעצט זיי איבער אויף אידיש. היינט ווער שמועסט פון דער גאנצער פלעיאדע יונגע ליטעראטען, וואס האבען דעמאלט אנגעהויבען צו שאפען אונטער פרץ'ס השפעה, און פון וועלכע ס'האבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט עטליכע גרויסע טאלענטען.

און אלע זייערע ערשטע שאפונגען האט מען גע־שפירט פרץ'ס איינפלוס. טייל פון זיי האבען איהם נאכ־געאהמט בכיון און טייל האבען עס געטהון בלא יודעים.

איך געדענק דעם איינדרוק, וואס האט אויף מיר גע־מאכט איינע פון די ערשטע נאוועלען פון שלומראש — דעם נאמען פון דער נאוועלע האב איך שוין פערגעסען,— וואס איז געדרוקט געווארען אינ'ם „פריינד".

איך בין דעמאלט געוועזען א לענגערע צייט אין דער

שווייץ און האב פון אש'ן נאך גאר נישט געהאט געהערט. ווען איך האב איבערגעלעזען די נאוועלע בין איך געווען איבערצייגט, אז אש איז פרץ'ס א נייער פסעוודאנים, אזוי עהנליך איז די נאוועלע געווען צו פרץ'ס סטיל.

ערשט ווען ד״ר משוחר איז געקומען צו מיר צו פאהרען, בין איך פון איהם געוואהר געווארען פון א יונגען שריפטשטעלער שלום-אש, וואס גיט זעהר גרויסע האפנונגען. אזעלכע בעוואוסטלאזע נאכאהמונגען טרעפען זיך אפט. אפילו דער אונשטערבליכער בעטהאווען איז דערפון נישט בעפרייט געווען, און אז מען הערט זיין ערשטע סימפאניע מיינט מען, אז זי איז פון מאצארט. אזוי עהנליך איז זי.

פון אנהויב איז פרץ געווען ווייניג פאפולער. ס'האבען איהם געלעזען נאר משכילים און אינטעליגענטען, דאס פאלק אבער האט איהם נאך גאר נישט געקענט.

אויף די „זשארגאנישע" ליטעראטור האט די אידישע אינטעליגענץ דעמאלט נאך אלץ געקוקט, ווי אויף א וויץ, ווי אויף א גלייכווערטעל, אבער נישט ווי אויף א ערנסטע זאך. און ווען פרץ האט אנגעהויבען צו שרייבען ערנסטע זאכען, אויף וועלכע מען האט זיך געמוזט אבשטעלען, און ווען ער האט אנגעהויבען צו בענוצען אביסעל סימבאליסטיק און אלעגאריע, האבען זיך די משכילים אנגעבלאזען. זיי האבען געהאט צו איהם א גרויסע טענה, פאר וואס ער שרייבט „זשארגאן" און נישט העברעאיש.

— „זשארגאן" — האבען זיי גע'טענה'ט — איז נאר פאר'ן המון, פאר די דינסטען. היינט אז פרץ שרייבט אזעלכע טיפע זאכען, וואס דער המון איז נישט אומשטאנד זיי צו פערשטעהן, צו וואס-זשע שרייבט ער עפעס פונקט אין זשארגאן און נישט אין דער שפראך, וואס משכילים פערשטעהען?

דאס לעבען האט אבער שפעטער אויסגעוויזען, אז

די משׂכּילים האָבען געהאַט אַ גרויסען טעות; און פּונקט דער פּרץ, וואָס דאָס פאָלק האָט איהם כּלומרשט נישט פערשטאַנען, פּונקט ער איז מיט דער צייט געוואָרען אַן אמת׳ער פאָלקסשרייבער. ווען פּרץ האָט פערעפענטליכט דאָס „שטריימעל“ איז געוואָרען אַ גרויסער געטומעל צווישען די משׂכּילים. זיי האָבען עפּעס שטאַרק מורא געקריגען, זיי האָבען געמיינט, אַז די וועלט געהט אונטער.

איך געדענק, ווי ס׳איז צו מיר געקומען דעמאָלט צו לויפען אַ סוחר, אַ משׂכּיל. ער איז געוועזען זעהר אויפגערעגט.

— אַט האָט איהר אייער אַבגאָט, אייער פּרץ׳ן — האָט ער כּמעט געשריען און האָט מיט׳ן פינגער געטייטעלט אויפ׳ן „שטריימעל“. — ער פּראָפּאַנירט צווישען די יודענטען פרייע ליעבע!

— איהר זאָגט דאָך אַליין אַליינעם, אַז די יודענטען פערשטעהען נישט פּרץ׳ן, — האָב איך איהם געענטפערט. — פאַר וואָס זשע האָט איהר עפּעס אַצינד מורא געקריגען?

— איהר ווייסט נישט? פּונקט דאָס וועלען זיי יאָ פערשטעהן.

— וואָס זשע אַרט עס אייך? צי איהר אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט דער מאָראַליטעט פון די יודענטען?

— אפשר טאַקי יאָ, — האָט ער געענטפערט. — אַ חוץ דעם לעזען דאָך פּרץ׳ס ביכער אויך אונזערע פרויען און אונזערע שוועסטער.

— אַהאַ, אַט דאָ איז דער הונד בעגראַבען — האָב איך איהם געזאָגט. — אָבער אונזערע פרויען און אונזערע שוועסטער לייענען דאָך פון פרייע ליעבע אויך אויף אַנדערע שפּראַכען, פאַר וואָס־זשע האָט איהר עפּעס אַ פּרעטענזיע נאָר צו פּרץ׳ן?

ס'איז נישט קיין שום ספק, אז „באַנציע שוויַיג" און דאס „שטריַימעל" האט פּרץ געשאפען אונטער דער השפּעה פון'ם סאציאליזם בכלל און דעם „בונד" בפרט, מיט וועלכען ער האט זיך א געוויסע צייט זעהר אינטערעסירט.

נאך דער פערעפענטליכונג פון די צוויי זאכען איז פּרץ אריַין אין דער מאדע, און מען האט זיך אנגעהויבען ארומצוטראגען מיט זיַינע אויסגאבען. די „יום-טוב-בלעטלעך" זענען שוין געווארען זעהר פּאפּולער און די בונדיסטען האבען זיך בעמיהט זיי צו פערשפּרייטען צווישען דער אינטעליגענץ און צווישען פאלק. ס'האבען זיך געבילדעט קליינע גרופּען פון סטודענטען, דענטיסטקעס, שילער און שילערינען פון די העכערע קלאסען גימנאזיום, וואס האבע זיך פון צייט צו צייט פערזאמעלט און אויפ'ן קול געלעזען פּרץ'ן.

פּרץ האט ביסלעכוויַיז אנגעהויבען צו ווערען פּאפּולער אויף דער אידישער גאס נישט נאר אלס שריפטשטעלער, נור אויך אלס כלל-טוער און געזעלשאפטליכער ארבייטער, וויַיל ס'איז שוין דעמאלט נישט פארגעקומען אין פוילען קיין שום אידישע געזעלשאפטליכע בעוועגונג, אין וועלכער פּרץ זאל נישט האבען גענומען קיין אנטייל.

סטודענטען און ארבייטער-פיהרער האבען שוין דעמאלט געזעהן אין פּרץ'ן א קינפטיגען וועג-וויַיזער. מען האט איהם ארומגעפיהרט אויף פערשיעדענע לעגאלע און אונלעגאלע פערזאמלונגען, מען האט איהם „אראבגעבראכט" אין פערשיעדענע שטעדטלעך, וואו מען האט, למשל, געעפענט א אידישע ביבליאטעק, וכדומה.

איך האב איהם אויך איינמאל „אראבגעבראכט" צו מיר אויף א זומער-וואהנונג.

כ'בין דעמאלט געווען א סטודענט אויפ'ן לעצטען

קורס, און האָב געוואוינט בשעת די פֿעריען אונטער וואַרשאַ אויף אַ זומער־וואוינונג.

דאָרט האָב איך מיך באַקענט מיט אַ קרענצעל סטודענטען, פּרײַלינגס און דאַמען, וואָס זענען ערשט פֿון מיר געוואויר געוואָרען, אַז ס'איז פֿאַרהאַן עפּעס אַ אידישע ליטעראַטור אויף דער וועלט.

פֿון אָנהויב האָב איך אָנגעטראָפֿען אויף אַ גרויסע אָפּאָזיציע פֿון זייער זייט. ביסלעכווייז אָבער האָט די כינעזישע וואַנד אָנגעהויבען צו פֿאַלען און מיר פֿלעגען זיך פֿערזאַמלען כמעט יעדען טאָג אין'ם וואַלד, וואו איך האָב זיי פֿאָרגעלעזען פֿערשיעדענע זאַכען פֿון אידישע שריפֿטשטעלער. דעם גרעסטען איינדרוק האָבען אויף דער חברה געמאַכט פּרץ און שלום־עליכם. די אַסימילירטע יוגענד האָט זיך אָנגעהויבען צו צוהערען וואָס אַמאָל מיט מעהר חשק.

כּדי די אַגיטאַציע צו פֿערגרעסערן איז מיר איינגעפֿאַלען צו פֿערבעטען צו זיך פּרץ'ן אויף עטליכע טעג. די גאַנצע געזעלשאַפֿט איז געווען פֿון דעם געדאַנק העכסט צופֿרידען.

איך האָב וועגען דעם געשריבען צו פּרץ'ן און ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער וועט קומען דעם נעכסטען זונטאָג אין דער פֿריה מיט'ן שפּאַציר־צוג.

צו דער געוויסער צייט האָבען מיר זיך אַלע פֿערזאַמעלט אויפֿ'ן באַהן־הויף. ס'איז געווען אַ הערליכער תמוז־טאָג. דער באַהן־הויף איז געווען פֿול געפּאַקט. די פֿרײַליינס און די דאַמען זענען געווען אָנגעטהון יום־טוב'דיג. אַ סך פֿון זיי מיט בלומען אין די הענד.

צווישען אונזער חברה, וואָס איז געקומען מקבל פּנים זיין פּרץ'ן, איז געווען אויך אַ זעהר עלעגאַנטע פֿרוי, וואָס האָט געשפּיעלט אויף דער זומער־וואוינונג די ערשטע ראָלע. זי איז געווען אַ שיין געשטאַלט, אַ הויכע שלאַנקע

פינגער, א יונג פנים מיט א פאר גרויסע שווארצע אויגען און מיט גרויע האר אויפ'ן קאפ. ס'איז געווען איינע פון די פיגורען, וואס זענען בעשאפען צום רעפרעזענטירען אינ'ם סאלאן.

דער צוג איז אנגעקומען, און פרץ איז ארויסגע־שפרונגען פון וואגאן, ווי א יונגער סטודענט.

איך האב איהם, ווי דער מנהג איז, בעקאנט געמאכט מיט'ן גאנצען קרענצעל, און מיר אלע האבען זיך געלאזט גיהן אין דער ריכטונג פון מיין וואהנונג.

ס'איז שוין אויפ'ן וועג געווארען א לעבעדיגער גע־שפרעך, און פרץ איז שוין געווען, ווי ביי זיך אין דער היים.

— ווי געפעלט אייך פרץ? — האב איך שטילערהייד געפרעגט די עלעגאנטע דאמע, מיט וועלכער איך בין גע־בליבען אביסעל הינטערשטעליג.

זי האט זיך אביסעל פערקרומט און נאך א קליינער ווילע האט זי געענטפערט:

— ווי קומט מען צו פאהרען אין פאנטאזיל מיט העלע זאקען? וועך ווייסט דען נישט, אז אין פאנטא־זיל מוזען זיין די זאקען טונקעלע, און נישט העלע.

איך טהו א קוק אויף פרץ'ס פיס. אמת! פאנטא־זיל און העלע זאקען.

איך בין מיך מודה, אז איך האב אויך נישט גע־וואוסט פון דעם דין.

איך געדענק, אז אין דער דאזיגער נאכט האב איך געהאט סאמע בייזע חלומות. כ'האב געזעהן „באנציע שווייג" ארומצושפאצירען אין לאקירקעס. דער מקובל איז געווען אנגעטהון אין א פראק, און דאס שטריימעל איז ארומגעשפרונגען פון איין בעקאנטער דאמע צו דער אנ־דערער.

כ'האב קוים דערלעבט טאג.

אויפ'ן צווייטען טאג זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין וואלד, וואו פרץ האט אונז פארגעלעזען „בימיני" פון היינע און האט צוגעגעבען זיינע אריגינעלע קאמענטארען. נאך עטליכע זיצונגען איז פרץ געווארען די נשמה פון'ם גאנצען קרענצעל, און אפילו די עלעגאנטע דאמע האט איהם מוחל געווען דעם חטא פון די העלע זאקען.

זי איז שפעטער געווארען א גרויסע אנהענגערין פון פרץ'ן, און האט זיך אונטער זיין איינפלוס אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט אידישע קהל'שע זאכען.

## IX.

די „אידישע ביבליאָטעק" האָט פּרץ אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען מיט דינעזאָנ'ס איניציאַטיווע.

ס'וועט אודאי קלינגען, ווי אַ פּאַראַדאָקס, ס'איז אָבער דאָך אַ פאַקט, אַז אויף די ערשטע פּרץ'ס אויסגאַבען האָבען געלד געגעבען עטליכע וואַרשאַווער אַסימילאַטאָרען.

די ערשטע זיצונגען מכּח אַרויסגעבען די „אידישע ביבליאָטעק" איז פאָרגעקומען ביי דעם אַדוואָקאַט קירש־ראָט, וואָס איז געווען דעמאָלט איינער פון די וואַרשאַווער ראשי־הקהל. בכדי צו ווייזען דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז אַ כּשר'ער אַסימילאַטאָר, האָט דער אַדוואָקאַט צוגעגעבען צו זיין נאָמען קירשראָט אַ פּוילישען נאָמען „פּראַווניצקי".

אויף דער זיצונג זיינען געוועזען אַ סך וואַרשאַ־ווער אַסימילאַטאָרען פון דער העכסטער מדרגה, אפילו ד"ר העניריק נוסבוים האָט נישט געפעהלט. נאַציאָנאַלע אידען זיינען געווען נאָר צוויי: סאָקאָלאָוו און פּאָדלישעווסקי.

ס'האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט און אַלס קאַסיר איז געוואָרען אויסגעוועהלט דער בעקאַנטער אַסימילאַטאָר גראָסגליק, דער סעקרעטאַר פון דער „גמינע". שפּעטער האָט צו דעם קאָמיטעט געהערט אויך דער באַנקיר וואַ־וועלבערג פון פּעטערבורג.

פאַר וואָס איינגענטליך האָבען די אַסימילאַטאָרען דאָס געטהון?

די וואַרשאַווער אַסימילאַטאָרען האָבען דערביי גע־

שפּיעלט די זעלבע ראָליע, וואָס פֿאַרשידענע קריסטליכע מיסיאָנער־געזעלשאַפֿטן.

אַזוי ווי ס'איז באַקאַנט, טײלען די לעצטע צווישן אידען תנ"כ'ים, וואו ס'ווערן אין עטליכע ערטער אַביסעל איבערגעמאַכט דער טעקסט, בכדי אויסצומײַדן, אַז די נביאים האָבן שוין פֿאָרגעזעהן דאָס קריסטענטום.

וואָס זשע טהוען די פּראַקטישע אידען?

די תנ"כ'ים נעהמען זיי צו, און אויף די פֿאַרענדערטע טעקסטען קוקען זיי זיך אפילו נישט אום.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די וואַרשאַווער אַסימילאַטאָרען.

זיי האָבן געגעבן געלד אויף „זשאַרגאָנישע" אויסגאַבען, בכדי צו ווירקען אויף די אידישע „מאַסע" אין דער ריכטונג פֿון אַסימילאַציע. דער ציעל זייערער איז געווען אַרויסצוציאָגן דעם „זשאַרגאָן" מיט דעם „זשאַרגאָן" אַליין. אינ'ם לייט־אַרטיקעל פֿונ'ם ערשטען באַנד „אידישע ביבליאָטעק" איז דאָך געשטאַנען בפירוש, אַז „זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע. זי וויל נאָר אויסלערנען געהן, זיצען און הייבען רעדען... דערנאָך — מעגט איהר די ניאַנקע אַרויסוואַרפֿען".

די לעזער האָבן אָבער געקוקט דערויף גאָר אַנדערש. די „מאַסע" האָט דעם „זשאַרגאָן" נישט באַטראַכט אַלס „ניאַנקע", נאָר אַלס מאַמע־לשון. פּרץ אַליין איז שפּעטער אויך אַרויף אויף דעם זעלבען שטאַנדפּונקט; און ווען ער טהוט עס אַפילו נישט, וואָלט איהם די מאַסע מיטגעריסען.

פּרץ'ס אויסגאַבען האָבן טאַקי אויפֿגעוועקט דאָס פֿאָלק און האָבן איהם געעפֿענט די אויגען, זיי האָבן אין די לעזער ענטוויקעלט אַן עסטעטישען געשמאַק, זיי האָבן דאָס פֿאָלק אייראָפּעאיזירט, אָבער נישט אַסימילירט.

אומגעקערט, פּרץ האָט זעהר פיעל מיטגעהאָלפען דער נאַציאָנאַלער אידישער אַרבייט. „נאַציאָנאַלער“ איז'ס בעסטען זין פון וואָרט. און דער פערהאַסטער „זשאַרגאָן“, די ניאַנקע, וואָס האָט נאָך בעדאַרפט דיע־נען, אַלס מיטעל צו דער אַסימילאַציע, דער „זשאַרגאָן“, איז דורך פּרץ'ס אויסגאַבען געוואָרען אַ ציעל אַן און פאַר זיך און איז ביסלעכווייז געוואָרען אידיש.

פּרץ האָט אין דער בעציהונג געהאַט עפּעס אַ בע־זונדער גליק. זיין יובילעאום־אויסגאַבע איז געלעגען אין די סאַלאָנען, וואו מען האָט שוין אין גאַנצען פערגעסען, אַז ס'איז פאַראַן אַ אידישער אלף־בית אויף דער וועלט. פּרץ'ס ווערק זענען געלעזען געוואָרען פון אַזעלכע אידישע אינטעליגענטען, וואָס האָבען פריהער געקוקט אויף דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור מיט דער גרעסטער פעראַכטונג.

איינער פון מיינע קאָלעגען, אַן אויסגעשפּראָכענער אַסימילאַטאָר, מיט וועלכען איך פלעג זיך שוין ניט שלאָגען איבער דער שפּראַך־פראַגע, איז געקומען אַמאָל צו מיר צולויפען מיט דער בקשה, אַז איך זאָל איהם בע־קענען מיט פּרץ'ן.

— מיט פּרץ'ן דעם זשאַרגאָניסט? — האָב איך מיך פערוואונדערט.

מיין קאָלעגע האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען.

— ער האָט צופעליג, — האָט ער געזאָגט, — געהערט פאָרלעזען איינציגע נאָוועלען פון פּרץ'ן. אַ קאָלאָסאַלען איינדרוק האָט אויף איהם געמאַכט די ערציעהלונג: „די מקובלים“. ער איז פשוט ענטציקט. די ערציעהלונג איז אייגענטליך ניט אָריגינעל — האָט ער געטענה'ט —. ער האָט ענהליכעס געלעזען ביי טאָלסטאָי. ס'איז אָבער דאָך שען אויפגעשריבען, און ער האָט ניט געהאַט קיין בע־גריעף, אַז אויף דעם מאָוסען „זשאַרגאָן“ קען מען שריי־בען אַזעלכע שעהנע זאַכען.

איך געדענק אַן אָװענט, װען אין אַ הערליכען סאַלאָן פון אַ רייכען װאַרשאַװער אַריסטאָקראַט, האָבען זיך פערזאַמעלט אַן ערך פון אַ צװאַנציג רייכע דאַמען, בכדי צו רעדען מכח פּאָפּולאַריזירען פּרץ'ס װערק.

די אסיפה האָבען איינגעאָרדענט עטליכע יונגע דאָקטױרים און סטודענטען, און בכדי דעם ציעל צו ערגרייכען, האָט יעדער פון אונז—אינציאַטאָרען פון דער פערזאַמלונג—גענומען אױף זיך עטליכע דאַמען, װעלכע מען האָט בעדאַרפט איבערצייגען נאָך פאַר דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, אַז פּרץ'ס װערק פערדיענען, אַז מען זאָל זיי פערשפּרייטען צװישען פאָלק און אפילו צװישען דער אינטעליגענץ. ס'איז אָבער געװען אַ שװערע אױפגאַבע; די דאַמען האָבען נישט געװאָלט הערען פון זשאַרגאָן און האָבען זיך דערביי אַזױ פערקרימט, אַז זיי זענען ענליך געװאָרען צו זייערע באָבעס, װאָס האָבען געשעפּט זייערע גאַנצע חכמה פון'ם „צאינה וראינה“.

מיר האָבען שױן געהאַט פערלױרען די גאַנצע האָפנונג דורכצופיהרען עפּעס אױף דער פערזאַמלונג.

ס'האָט זיך אָבער אױסגעװיזען, אַז מיר האָבען געהאַט אַ טעות. פּרץ'ס שריפטען האָבען פערמאָגט אין זיך עפּעס אַ מאַגנעט...

װי מיר זענען זיך צונױפגעקומען און אייניגע פון אונז האָבען פאָרגעלעזען פאַר די פערפומירטע אױסגעפּוצטע דאַמען די „סקולער רביצין“, „שלום-בית“, „באָנציע שװייג“ און אייניגע אַנדערע בילדער, זענען אַלע דאַמען עפּעס געװאָרען מטושטש, און האָבען אָהן אַ איינציגען פּראָטעסט בעשלאָסען צו שטיצען פּרץ'ס אױסגאַבען.

דער קינפטיגער היסטאָריקער, װאָס װעט װעלען שילדערן די עפּאָכע, װען די אידישע אינטעליגענץ האָט אָנגעהױבען איהר פערביטערטען קאַמף מיט דער אַסימילאַציע אין פּױלען, װעט זיך מוזען אָבשטעלען אױף צװיי

ווײַכטיגע סבות, וואָס האָבען אונז אידען צוריקגעגעבען אַ סך פֿערבלאָנדזשעטע שעפֿעלער.

די ערשטע ווײַכטיגע סבה איז געוועזען אַ פּאָזיטי-ווע, — די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבען צו פֿערפֿלאַנצען אין זײַנע אויסגאַבען. די צווייטע ווײַכטיגע סבה איז געווען אַ יאָהר צוואַנציג שפּעטער, אַ נעגאַטיווע, — דער העסליכער באָיקאָט, וואָס די פּאָליאַקען האָבען דורכגעפֿיהרט געגען אונז, נאָך דעם ווי מיר, ווארשאווער אידען, האָבען בשום אופן נישט געוואָלט קושען די רוט, און וועהלען אין די פֿיערטע דומע דעם קאַנדידאַט פֿון אַלע פֿעראייניגטע פּוילישע פּאַרטיי-ען קוהאַרזשעווסקי'ן, וואָס האָט אין זײַן פּראָגראַם־רעדע אָפֿען אַרויסגעשטעלט דעם אַנטיסעמיטיזם, אַלס די וויכ-טיגסטע אויפֿגאַבע פֿון זײַן קונפֿטיגער פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטליכער טעטיגקייט.

# X.

פּרץ איז געוואָרען וואָס אַמאָל מעהר פּאָפּולער ניט נאָר אַלס שריפטשטעלער, נאָר אויך אַלס געזעל־שאַפטליכער אַרבייטער. ס'איז שוין דעמאָלט ניט געווען כמעט קיין איינציגע געזעלשאַפטליכע בעוועגונג, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקעל שייכות מיט'ן אידישען נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען לעבען, אין וועלכער פּרץ זאָל ניט געווען זיין איהר פערמענט, אָדער אין וועלכער ער זאָל ניט גע־האָט גענומען לכל הפחות אַנ'אַנטייל.

פּרץ איז אויך געוועזען אַ שטאַמגאַסט אויף די אַזוי גענאַנטע „מאָנטאָג'ען", אַזוי האָבען געהייסען די פערזאַמלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי סאָקאָלאָוו'ן אין דער היים יעדען מאָנטאָג ביינאַכט, במשך פון עטליכע ווינטערען.

סאָקאָלאָוו האָט געוואָלט שאַפען אַ אידישען „סאַ־לאָן", וואו נאַציאָנאַל־געזינטע אידען זאָלען זיך קענען בעגעגענען מיט אסימילאַטאָרען, דאָס הייסט מיט די פּאָ־ליאַקען בני דת משה, און בילחען צווישען זיך אַ שטי־קעל קאָנטאַקט.

בכדי אויסצומיידען מחלוקת און שאַרפע רייבונגען, וואָס וואָלטען געקאָנט פאָרקומען אויף אַזאַ מאָדע פער־זאַמלונגען פון צוויי פיינדליכע ריכטונגען, האָט סאָקאָלאָוו פון אָנהויב איינגעלאַדען צו זיך נאָר מעסיגע עלעמענטען פון ביידע צדדים: סאָלידע בעלי־בתים מיט בערד. מענ־שען, וואָס רעדען שטיל און געלאַסען, ביינוגע פלעגמאַטי־

שע באַנקירען, וואָס האָבען געוועהנטליך מורא זיך אויס-צודריקען אין זייער גלייבען. ישרען, וואָס האָט געזאָלט ווערען איינגעלאַדען, האָט סאָקאָלאָוו דורכגעלאָזט דורך עט-ליכע זיפּען; און אַבי ווער האָט נישט די זכיה געהאַט צו זיצען צווישען דעם אַרעאָפּאַג.

אַנ׳אויסנאַהם האָט סאָקאָלאָוו געמאַכט פֿאַר ד״ר משורר און מיר — צוויי יונגע מענשען דעמאָלט —. אודאי דערפֿאַר, וואָס מיר האָבען געלעבט זעהר גוט צווישען זיך. דאָס איז געוועזען פֿון אַנהויב.

שפּעטער אָבער ווען די סאָלידע בעלי-בתּים זענען וואָס אַמאָל געקומען זעלטענער, און די זיצונגען זענען בכלל געוואָרען שרעקליך איינטעניג און אומעטיג, אַז מען האָט פּשוט געקאָנט ענטשלאָפֿען ווערען, האָט סאָקאָלאָוו אָנגעהויבען אַביסעל אַראָבצולאָזען פּנים טאָן און האָט איינגעלאַדען אויך יונגע מענשען מיט טעמפּעראַמענט סיי ציוניסטען, סיי סאָציאַליסטען אפילו, שוין אָהן אַזאַ שטרענגען קאָנטראָל, ווי פֿריהער.

פֿון אַנהויב זענען די וכּחים געווען גענוג אינטער-רעסאַנט, און האָבען אָהן אַ שום ספק געהאַט אַ נאַציאָנאַ-ליזירענדע קראַפֿט. חעם גאַנצען ערשטען ווינטער זענען מיר געווען בעשעפֿטיגט מיט דער פֿראַגע: „וואָס זענען מיר?“ דאָס הייסט: צי זענען מיר אידען, צי פּאָליאַקען.

איצינד איז שוין די פֿראַגע אַביסעל קלאָרער געוואָ-רען, אָבער עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק האָבען מיר אַ גאַנצען ווינטער דיספּוטירט וועגען דעם, און מיר האָבען דאָך נישט געקענט אַ סך פֿון די אַנוועזענדע אַסימילאַטאָ-רען איבערצייגען, אַז צו זיין אין דער זעלבער צייט אי אַ איד, אי אַ פּאָליאַק — איז אַביסעל שווערליך; און ווען דער אַדוואָקאַט קליינערמאַן האָט אַמאָל אויף אַ זיצונג בפירוש אַרויסגעזאָגט, אַז די אַזוי גענאַנטע אַסימילאַציע

איז אַ צביעות (obłuda) האָבען די אַסימילאַטאָרען זיך דערשראָקען און אָנגעבלאָזען.

די מאָנטאָגען זענען געווען וויכטיג אויך דערמיט, וואָס אויף זיי זענען זיך צום ערשטען מאָל צונויפֿגעקומען אויף אַ נייטראַלען באָדען פֿאָרשטעהער פֿון פֿערשיעדענע שטרעמונגען, און מען האָט זיך פֿאָרט נישט געשלאָגען און אפילו נישט געזידעלט. ווען עמיצער וואָלט, למשל, אַראָבגעפֿאַלען פֿון מאַרס גלייך אין סאַלאָן אַריין צו סאָקאָלאָוו'ן מאָנטאָג ביי נאַכט, און וואָלט דערזעהן, ווי די רעפּרעזענטאַנטען פֿון פֿערשיעדענע ריכטונגען זיצען צוזאַמען בשלום ושלוה, וואָלט ער אודאי געמיינט, אַז ס'איז שוין משיח'ס צייטען.

נישט איינמאָל פֿלעגען מיר מיט פּערלישעווסקי'ן צו שמייכלען, זעהענדיג, ווי פּרץ מיט דיקשטיין'ען זיצען רוהיג אויף איין סאָפֿע.

פֿון אָנהויב האָט פּרץ סיסטעמאַטיש בעזוכט די אָווענדען, און האָט מיט זיין פֿלאַמפֿייערדיגען טעמפּעראַמענט לעבעדיג געמאַכט די טרוקענע ויכוחים. שפּעטער אָבער איז איהם טמאָס געוואָרען צו זיצען שעה'ן־ווייז און אויסצוהערען די גלאַטע בעלי־בתים, וואָס האָבען געוועהנליך גערעדט געלאַסען און האָבען פֿיינד געהאַט, אַז מען זאָל זיי איבערהאַקען, בפֿרט, אַז סאָקאָלאָוו איז געוועזען אין דער בעציהונג אַ שטרענגער פֿאָרזיצענדער.

וואו פּרץ איז געוועזען האָבען געמוזט פֿאַלען פֿונקען, ס'האָט געמוזט בליטצען. לאַנג ווייַלען זיך און זיצען רוהיג אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט, האָט פּרץ בכלל נישט געקענט.

אַמאָל, אין אַ מאָנטאָג, ווען ס'זענען פֿאָרגעקומען הייסע דעבאַטען און סאָקאָלאָוו האָט פֿאַר אַ רעדע בעקומען רוישענדע אַפּלאָדיסמענטען, האָט זיך פּרץ פּלוצלינג אויפֿגעהויבען און איז אַרויסגעלאָפֿען פֿונ'ם סאַלאָן. פֿאַר־

לישעווסקי מיט מיר זענען איהם נאכגעלאפען אין פאָדערהויז.

— וואו אהין לויפט איהר? — האבען מיר איהם געפרעגט.

— אז איהר קענט פאר אזא רעדע פאטשען בראוואָ מיט קעלבערנע התלהבות, האט ער געענטפערט אויפגערעגט, קען איך מיט אייך נישט זיצען צוזאמען. פרץ איז ארויסגעלאפען און מעהר אויף דער זיצונג נישט געקומען. ביי דער געלעגענהייט וויל איך זאגען עטליכע ווערטער וועגען דעם פערהעלטניס צווישען פרץ'ן און סאקאלאוו'ן. איך מיין, אז זיי וועלען צונוטץ קומען זיינע קינפטיגע ביאגראפען.

סאקאלאוו האט פון פרץ'ן געהאלטען. ער פלעגט אפט אין מיין געגענווארט לעזען אויפ'ן קול זיינע אידישע געדיכטען און האט זיי זעהר געלויבט.

פרץ פון סאקאלאוו'ן האט ווייניג געהאלטען. ער האט איהם געשעצט נור אלס א גוטען פובליציסט, וואס פערמאגט א זעהר שיינע שפראך, אבער אלס שריפטשטעלער האט ער איהם נישט אנערקענט. און האט עס שטענדיג, ביי יעדער געלעגענהייט, אונטערגעשטריכען. דערמיט קען מען אודאי ערקלערען דעם פאקט, וואס אין ספר היובל וואס איז געווען ארויסגעגעבען לכבוד דעם יובילעאום פון סאקאלאוו'ן, און פון וועלכען איינער פון די רעדאקטארען איז געווען פרץ, זענען נישטא די דעמאלטיגע יונגע קרעפטען, וואס האבען שוין געשמ'ט אין דער ליטעראטור. ס'איז נישטא, למשל, נישט אש, נישט בעל־מחשבות און אנדערע.

אש און בעל־מחשבות האבען געגעבען זייערע זאכען פאר'ן ספר היובל, און זיי זענען געווארען איבערזעצט אויף העברעאיש, זיי זענען אבער פארט נישט אריין דורך עפעס אויסטערלישע סבות..

צווישען פרץ'ן און סאקאלאוו'ן האט בכלל געהערשט א געוויסער אנטאגאניזם, זיי האבען זיך ניט ליעב געהאט. סאקאלאוו האט עס זעלטען ארויסגעוויזען, אבער דער אפענהערציגער פרץ האט עס בעשטענדיגליך געצייגט אויף יעדען טריט און שריט.

פאר וואס איינענטליך? מענשען מן הצד, וואס האבען נעהענטער ניט געקענט די פערהעלטנישען האבען געוואלט ערקלערען, אז די פרינציפיעלע שפראך־פראגע— אידיש אדער העברעאיש,—איז געווען די סבה פון דעם אנטאגאניזם. ס'איז אבער געווען א גרויסער טעות.

פרץ איז קיינמאל ניט געווען קיין געגנער פון העברעאיש, און סאקאלאוו האט גאר ניט געהאט געגען אידיש.

סאקאלאוו האט זיך קיינמאל ניט געשעמט צו רעדען און אפילו צו שרייבען אידיש. ער האט זיך קיינמאל ניט ארויסגעדריקט וועגען „זשארגאן“, ווי אנדערע רייכע העברעאיסטען, אז ער איז א „שפחה לפני גברתה“. ער האט מיט דער מאדערנער אידישער ליטעראטור סימפאטיזירט און ווער ווייס, אויב די „אידישע ביבליאטעק“ וואלט זיך בעוויזען אהן זיין הילף.

פרץ ווידער איז קיינמאל ניט געוועזען קיין געגנער פון העברעאיש. פערקעהרט, ער פלעגט שטענדיג שטאלצירען מיט זיין העברעאיש און אפט אונטערצושטרייכען, אז די, וואס זאגען זיך אב פון דער העברעאישער שפראך, ווארפען פון זיך אראב דעם גאנצען יחוס פון תורה, נביאים וכתובים און פון א גרויסע רייכע ליטעראטור, וואס איז אלט איבער 2000 יאהר. אלס פאלקסמענש האט פרץ, זעלבסטפערשטענדליך, געמוזט שאפען אין דער פאלקס־שפראך, ער האט זיך אבער שטענדיג ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק איבערצוזעצען אלע זיינע ווערק אויף העברעאיש.

איך בין בטוח, אַז ווען ס'וואָלט עמיצער געקומען און געוויזען אַ וואונדער, אַז אַלע אידען זאָלען אָנהויבען רעדען העברעאיש, וואָלט פּרץ אודאי דער ערשטער געווען דערפון צופרידען.

אַלזאָ די שפּראַך־פראַגע האָט נישט געקענט אַרויס־רופען קיין שפּאַלטונג צווישען פּרץ'ן און סאָקאָלאָוו'ן.

מיר דאַכט זיך, אַז די סבה פון זייער אַנטאַגאָניזם איז געלעגען פשוט אין דער פערשיעדענהייט פון זייערע כאַראַקטערען.

סאָקאָלאָוו — אַן'אַריסטאָקראַט, וואָס וועט נישט מיט יעדען רעדען און נישט פאַר אַבי וועמען אויפדעקען אַ שטיקעל נשמה.

סאָקאָלאָוו — אַ פרוכטבאַרער שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך דאָך זעלטען אָפען אַרויסגעזאָגט אין גאַנצען.

סאָקאָלאָוו איז בעשאַפען געוואָרען פאַר'ן סאַלאָן און מיט זיין טאַקט און גוטען בענעהמען האָט ער זיך ערוואָרבען פריינד אין אַלע וואַרשאַווער אידישע ספערען.

פּרץ — אַ דעמאָקראַט בוז'ן מארד פון די בוינער, וואָס האָט געקענט אַבזיצען שעה'ן־ווייז מיט עפּעס אַ אינגעל, אָדער אַ מיידעל, וואָס האָט אָנגעהויבען אַרויסצו־ווייזען אַ שטיקעל טאַלאַנט.

פּרץ — אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך שאַרף און אָפען אַרויסגעזאָגט אין יעדער געזעלשאַפטליכער פראַגע.

פּרץ האָט באמת פיינד געהאַט דעם סאַלאָן מיט זיינע עטיקעטען, און מיט זיין אָפען שאַרפען וואָרט האָט ער זיך ערוואָרבען שונאים אין אַלע וואַרשאַווער אידישע ספערען; אַזעלכע צוויי עקסטרעמען האָבען זיך נישט גע־קענט ליעב האָבען.

למען האמת מוז איך צוגעבען, אַז וואָס אַנבעלאַנגט דער פראַגע וועגען סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע איז פּרץ נישט געווען זעהר שטרענג, און ווי גרוים ער איז געווען,

האט ער אין דער הינזיכט געהאט א שטיקעל שוועכע. ניט איינמאל האט ער סימפאטיזירט מיט אזעלכע, וואס זיינע אנהענגער זענען געווען דערפון ניט זעהר צופרי־דען. פון דער צווייטער זייט פלעגט ער אפט האבען אנ־טיפאטיע צו גאנץ אומשולדיגע מענשען, וואס האבען דאס ניט פערדיענט. פרץ האט דאך, ניט ליעב געהאט, למשל, א געוויסע צייט פרייד׳ען, וואס זיין שנור־באַרד איז עהנליך געווען צו זיינע... ס׳איז שוין אנ׳אלטע געשיכטע, וואס בלייבט שטענדיג ניי, אז אלע גרויסע לייט האבען שטענדיג סתירות, און דער גרויסער פרץ האט ניט גע־בילדעט קיין אויסנאהם, ער האט אויך געהאט א סך סתירות.

צי וועט עמיצער גלויבען, אז דער קלוגער פרץ, דער געוועזענער אדוואקאט, האט פארט גענוג אפט געהאט מאמענטען, ווען ער האט ארויסגעוויזען פשוט קינדישע נאיוויטעט? ס׳איז אבער דאך א פאקט, איבער איינעם פון אזעלכע מאמענטען איז ער געזעסען א לענגערע צייט אומשולדיג אין דער תפיסה. די מעשה איז אזוי געווען.

פערשיעדענע סוחרים, וואס פלעגען האבען פרע־טענזיעס צו די אייזענבאהן־פערוואלטונגען, ניט וועלענ־דיג אליין פיהרען פראצעסען, פלעגען פערקויפען זייערע פראכטען אנדערע, און אזוי ארום האט זיך אין זיין צייט געבילדעט א ספעציעלער האנדעל מיט פראכטען.

איינער פון די דעמאלטיגע ראשי־הקהל, אנ׳אדוואָ־קאט, האט אויך געהאט אזעלכע פראכטען; און ניט קע־גענדיג ארויסטרעטען אלס אייגענטימער, האט ער געבעטען פרץ׳ן, אז ער זאל זיי אונטערשרייבען און דער נאיווער און דעם מאמענט פרץ האט זיי אונטערגעשריבען.

בשעת פון פעטערבורג איז אראבגעקומען קיין וואר־שא א ספעציעלער סלעדאוואטעל אויף די פראכטענפראגע

ביעלאָווצאָוו, איז פּרץ געוואָרען אַרעסטירט גלײַך מיט אַלע אַנדערע בעשולדיגטע.

ווי באַלד מיר זענען געוואָהר געוואָרען, אַז מען האָט פּרץ׳ן גענומען אין תּפיסה אַרײַן, בין איך בײַ נאַכט מיט פּאָדלישעווסקי׳ן געלאָפען צום אויפזעהער פון דער תּפיסה, וואָס איז גראָד געוועזען מײַן פּאַציענט, און מיר האָבען אויסגעבעטען פאַר פּרץ׳ן עפּעס אַ נישט שלעכטע קאַמער און אַ בעסערע בעהאַנדלונג.

מי יודע, מיט וואָס די זאַך וואָלט זיך געענדיגט, ווען דער סלעדאָוואַטעל ביעלאָווצאָוו וואָלט נישט אַכט געגעבען אויף דער מיינונג פון די עקספּערטען: אַדוואָקאַט קלײנערמאַן, פּאָדלישעווסקי און סאָקאָלאָוו. זיי האָבען איהם געשילדערט פּרץ׳ס כאַראַקטער און דעם פאַקט, אַז פּרץ האָט קײנמאָל נישט געהאַנדעלט.

ביעלאָווצאָוו האָט זיך זעהר געוואונדערט. ער האָט פּשוט נישט געקענט פערשטעהן, ווי האָט געקענט אַ זאַ פּרץ זײַן אַזוי נאַיוו און אונטערשרײַבען פרעמדע פּראַכטען. ער האָט איהם דאַן בעפרײַט.

נאָך דעם ווי פּרץ האָט אויפגעהערט צו בעזוכען סאָקאָלאָוו׳ס מאָנטאָג׳ען, האָט ער אָנגעהויבען אײַנצואָרדנען אַזוי גענאַנטע פרײַטאָג־צונאַכטס׳ען.

די אָוונטען האָבען געטראָגען אויף זיך אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, און ס׳האָבען גענומען אין זיי אָנ׳אַנטײל נישט נור ליטעראַטען, נאָר אויך סתם אינטעליגענטען און סימפּאַטיקער.

די פערזאַמלונגען זענען געוועזען זעהר בעזוכט. און אַזוי ווי פּרץ׳ס וואוינונג איז געוועזען נישט גענוג גרויס דערצו, פלעגען זיי פאָרקומען אין פערשיעדענע ערטער: אַמאָל בײַ ד״ר משורר אין׳ם אידישען שפּיטאָל אויף פּאַקאַרנע (וואו משורר איז דעמאָלט געוועזען אינטענדאַנט),

אמאָל בײַ פּעָליקס לעָוואַנפּיש'ען, אַמאָל בײַ מאָריצי גראַד־זיענסקי און אַמאָל בײַ מיר.

אויף די פערזאמלונגען פלעגען צו קומען צווישען אַנדערע אויך סאָקאָלאָוו, ד"ר קלויזנער מיט דער פרוי, ד"ר עליאשעוו (בעל־מחשבות), יצחק גרינבוים, אברהם פּאָדליאַשעווסקי, פרוי ליליענטאל, פריד און אַרוואָקאַט זײַדענמאַן.

די נשמה פון די אָוונטען איז געווען פרץ.

יעדער, וואס האט גענומען אַן אָנטייל אין די פּרײַ־טאָג־צונאַכטס'ען, האט זיך אונטערגענומען צו באַאַרבייּ־טען אַ געוויסע טעמא, אָדער צו רעפערירען וועגען אַ נײַ אונטערעסאַנט בוך, אָדער וועגען אַ וויכטיגען אַרטיקעל אין אַ צײַט־שריפט. אז ס'איז אָבער געקומען צו עפּעס, האט זיך מייסטענטײַלס אַרויסגעוויזען, אז דער האט קיין צײַט נישט געהאַט, יענער האט דאס בוך נישט בעקומען א. א. וו.

די סיטואַציע האט געוועהנליך גערעטעט פרץ, וואס איז שטענדיג געווען בכח צו פעראינטערעסירען מיט עפּעס נישט נאָר אײַנפאַכע מענשען, נור אפילו ליטעראַטען און אינטעליגענטען מיט אַן'ענטוויקעלטען געשמאַק.

די אָוונטען זענען געווען בכלל זעהר אינטערעס־סאַנט. ד"ר קלויזנער האט גערעדט איבער די נביאים (ס'איז שפּעטער געווען געדרוקט אין'ם זשורנאַל: „אידיש"), אַדוו. גרינבוים האט רעפערירט איבער דעם ציוניזם, וועל־כער האט זיך דעמאלט אנגעהויבען צו ענטוויקלען, ד"ח משורר און פרץ האבען פאַרגעלעזען זײַערע דראַמען, פרוי ליליענטאל האט גערעדט מכח אידישע יום־טובים, איך האב רעפערירט פערשיעדענע נײַע מעדיצינישע־היגיענישע אָנשויאונגען און האב פאַרגעלעזען עטליכע קלײנע ער־צעהלונגען. א חוץ דעם זענען בעריהרט געוואָרען פערד

שיערענע סאָציאַל-געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגען, אפילו די פֿראַ־
גע מכח מילה.

איך געדענק אַ פֿרייטאָג-צונאַכט'ס, ווען מיר האָבען איינ־
געאָרדענט אַ היינע־אָווענד, יעדער איז געקומען אָנגעדרעהט.
אַ קלייניגקייט היינע, ווער קען איהם ניכט? מען איז גע־
קומען בעוואָפֿענט מיט ביאָגראַפֿישע נאָטיצען, טייל האָבען
אפילו ציטירט שווערע פֿראַזען פֿון פֿערשיעדענע געלעהרטע.

נאָך דעם אָבער, ווי מען האָט אויסגעפּאַקט די
טרוקענע שווערע אַרטילעריע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ
לייכטער היינע־קאָנצערט. געשפּיעלט מיט'ן גרעסטען שאַרפֿ־
זין און וויץ דורך פּרץ'ן און מייסטערהאַפֿט אַקאָמפּאַ־
נירט דורך סאָקאָלאָוו'ן.

## XI

פרץ'ס פֿינף און צוואַנציג־יעהריגער יובילעאום אין יאָהר 1901, האָבען איינגעאָרדענט ניט נור זײנע נאָהנטע פֿערהערער ווי דינעזאָן, סאָקאָלאָוו, ד״ר מינץ, ד״ר משורר, בעל־מחשבות און אַנדערע, נאָר אפילו אויך האַלב־אסימילירטע וואַרשאַווער אידען.

דער פרעזעס פֿון דער „גמינע“ מיכאל בערגסאָן מיט איינעם פֿון די ראשי־הקהל אַדוואָקאַט קירשראָט—פראָוונ[?]יצקי, זענען אין׳ם טאָג פֿון יובילעאום געקומען צו פרץ'ן אַ היים, איהם גליק ווינשען אין דעם נאָמען פֿון דער גמינע.

איך בין לײדער אויפ'ן יובילעאום ניט געוועזען. ס'איז אַן'אמת'ע איראָניע פֿון מײן גורל: איך זאָל פֿעה־לען אויף פרץ'ס יובילעאום.

פונקט אין יענער צײט האָב איך אַ יאָהר פֿערבראַכט אין דער שווייץ און בין אפילו גאַנץ צײטליך ארויסגע־פֿאָהרען פֿון דאָרט, בכדי אָנצוקומען קײן וואַרשא צום יו־בילעאום. האָב איך אָבער ניט נאָר ניט געהאַט קײן קפיצת הדרך, נאָר פֿערקעהרט, דורך פֿערשיעדענע סבות האָב איך מיך געמוזט פֿערהאַלטען עטליכע וואָכען אין הײדעלבערג. איך האָב דערפֿון געהאַט גרויס שברון הלב, ס'האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפֿען

פֿון הײדעלבערג האָב איך אַרויסגעשיקט דינעזאָנ'ען אַ לאַנגען בריעף מעניונא דיומא, וועלכען פרץ האָט אַלײן הויך פֿאָרגעלעזען אויפ'ן יובילעאום.

ווי פארלישעווסקי האט מיר שפעטער איבערגעגעבען, איז דער יובילעאום געווען א געלונגענער און א זעהר לוסטיגער: ס'זענען געהאלטען געווארען גייסט־רייכע רעדעס, פרעהליכע טאאסטען. דער שענסטער מאמענט איז געווען דעמאלט, ווען אש און נאמבערג האבען פרץ'ן ארומגעטראגען אויף די הענד און האבען דערביי געזונגען מיט גרויס התלהבות: „אונזער רביניו“. דיזעזאן איז געשטאנען פון דער ווייטענס אין דער גרעסטער ענזאלטאציע, און אין זיינע זאנפטע אויגען האט מען געקענט זעהן טרעהרען פון שמחה.

מיט דער יובילעאום־אויסגאבע האט זיך ס'מייסט בעשעפטיגט ד"ר מינץ. ער איז געווען אויך דער קאסירער.

ווען איך בין עטליכע וואכען נאך'ן יובילעאום געקומען קיין ווארשא, האב איך אין פרץ'ן בעמערקט א שטיקעל שנוי. ס'איז מיר אפילו געווען שווער אויסצודריקען, אין וואס איינענטליך איז בעשטאנען די ענדערונג, זי איז אבער האך געווען.

איך קען דאס נישט אטרופען „גאווה“, ווייל פרץ האט קיין בעגריף נישט געהאט, וואס הייסט שטאלץ זיין. איך וואלט אבער געזאגט, אז פרץ האט אנגעהויבען זיך מעהר צו שעצען, ווי פריהער, ער האט ענדליך פערשטאנען, האכט זיך זיין ווערט.

זייענדיג שוין אנ'עלטערער האקטאר און בעשעפטיגט אין מיין פאד מעהר, ווי פריהער, האב איך זעלבסטפערשטענדליך, געמוזט פערנאכלעסיגען די ליטעראטור, ווי אויך פרץ'ס שבתים, וואס זענען נאך אלץ פארגעקומען.

דעם קאנטאקט מיט פרץ'ן האב איך אבער פארט נישט פערלוירען; און אויב מיר האבען זיך נישט געטראפען ערגיץ אויף א זיצונג, און אויב ס'איז אונז נישט געלונגען צו בעזוכען איינער דעם אנדערן, פלעג איך אריינצופאלען אין דער „גמינע“ אויף א האלבע שעה, און צווי־

שען איין קבורה און דער צווייטער, האט מיר פּרץ פאַרגעלעגט פערשיעדענע פאַנטאַסטישע פּלענער וועגען אויסגאַבען, פאָלקס־הייזער, טעאטער וכדומה.

אויב איך האָב אַמאָל געהאַט עפּעס א שווער געמיט, בין איך געלאָפען צו פּרץ'ן, און אין זיין געגענוואַרט האָב איך עס פערלוירען; ער פּלעגט פשוט אנצושטעקען מיט זיין שטענדיג יוגנען, לעבהאַפטען טעמפעראַמענט.

אין יאָהר 1902 איז פּרץ שווער קראַנק געוואָרען אויפ'ן האַרץ.

דאָס האַרץ איז ביי איהם שטענדיג געווען שוואַך, און ער האָט עס ונאָך מעהר אָבגעשוואַכט מיט זיין נערווען אומרוהיגען לעבען. ער איז דאָך געווען ווי א אומרוה: בעלות האָט ער שוין אַרומשפּאַצירט אונ'ם זאַקסישען גאָרטען, וואוהין ער פּלעגט זיך בעשטעלען פערשיעדענע אינטערעסאַנטען און ליטעראַרישע אָדער געזעלשאַפטליכע פראַגען. ביז מיטאָג איז ער געזעסען אין דער „גמינע“, נאָך מיטאָג האָט ער געאַרבייט ליטעראַריש און האָט צייט געהאַט אויסצוהערען פערשיעדענע אָנפאַנגער, וואָס האָבען איהם נישט געלאָזט רוהען מיט זייערע שאַפונגען. אין אָוועַנד איז ער געווען אויף א זיצונג און אַפט אויף צוויי. שפּעטער האָט מען איהם געקענט טרעפען אין „בריסטאָל“ אָדער אין שווייצער טהאָל, און ביינאַכט האָט ער איבערגעלעזען א נייע וואָס אָבגעדרוקט בוך פונ'ם ערשטען בלעטעל ביז'ן לעצטען. א חוץ דעם אַלעם האָט פּרץ זעהר פיעל גערויכערט, כמעט איין פּאַפּיראָס נאָכ'ן צווייטען, און פּלעגט צו טרינקען א סך שוואַרצע קאַווע.

די קראַנקהייט איז געווען א שווערע, אָבער פּרץ האָט זיך גאָר נישט געענדערט, ער האָט פערמאָגט דעם זעלבען הומאָר, דעם זעלבען וויץ, וואָס שטענדיג. ער האָט אפילו נישט פערגעסען אַביסעל חוזק צו מאַכען פון די דאָקטוירים און פון דער גאַנצער מעדיצין.

בעהאנדעלט האבען איהם די דאקטוירים גאלדפלאם, מינץ, בירא און איד.

איינמאל נאך א קאנסיליום, ווען די פרוי איז געזעסען נעבען איהם פערטראכט און טרויריג, האט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט די ווערטער: „זיי רוהיג, וואיב איך האב געהאט כח אויסצוהאלטען אזש פיער דאקטוירים, וועל איך שוין לאנג לעבען“.

ווען ס'איז איהם בעסער געווארען, האבען מיר בעשלאסען איהם צו שיקען קיין מאריענבאד.

פרץ האט דעם מאמענט געוואלט אויסנוצען, בכדי פטור צו ווערען ענדליך פון דער „גמינע“. ער האט אנגעשריבען א ביטע, אז היות ווי ער פיהלט זיך נישט פעהיג מעהר צו ארבייטען, גיעט ער זיך אן אין דימיסיע, און פערלאנגט נאר אן'איינמאליגע סובסידיע, בכדי ער זאל קענען ארויספאהרען קיין מאריענבאד.

די ביטע האט ארויפגעטראגען דעם סעקרעטאר פון דער גמינע, גראסגליק'ען, ד"ר מינץ. זעלבסטפערשטענדליך, האט גראסגליק זי אנגענומען מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, ווייל פרץ איז דאך איהם געשטאנען ווי א ביין אין האלז...

ס'האט זיך אבער דערפון דערוואוסט א. פארלישעווסקי, און אהן פרץ'ס ידיעה איז ער צוזאמען מיט זיגמונד פרומקין, איינעם פון די דעמאלטיגע ראשי־הקהל, וואס האט פרץ'ן זעהר ליעב געהאט, ארויפגעלאפען צו גראסגליק'ען, און זיי האבען פון איהם געפאדערט, אז ער זאל זיי אבגעבען פרץ'ס ביטע מכח די דימיסיע.

גראסגליק איז געווארען אביסעל צומישט, און האט אפילו געפרובט צו זאגען, אז די ביטע איז שוין פערשריבען אין בוך, על כן, הייסט עס, איז שוין פערפאלען. ער האט אבער דאך געמוזט אונטער'ן דרוק פון פארלישעווסקי'ן און פרומקינ'ען די ביטע אבגעבען.

## פרץ,

אזוי ארום איז פּרץ'ן ווידער נישט געלונגען ארויס־צורייסען זיך פונ'ם קהל־שטיבעל.

אין מאריענבאד איז פרץ געזעסען עטליכע חדשים. — די באד האט איהם זעהר גוט געדיענט, און ער איז פון דארט צוריקגעקומען פאלשטענדיג געזונד.



פּרץ בײַ זײַן שרײַב-טיש



פּרץ אין זײַן רוהע-צײַט.

## XII.

צורוקקומענדיג פֿון מאַריענבאַד, האָט זיך פּרץ ווי־דער נישט געשוינט, און האָט אָנגעהויבען צו פֿיהרען דאָס זעלבע נערוועזע ריהרעוודיגע לעבען, וואָס פֿריהער.

א חוץ זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט, האָט פּרץ אָנגע־הויבען צו ענטוויקלען אַ זעהר ענערגישע געזעלשאַפֿטליכע אַרבייט.

אין דער צייט פֿלעגען מיר זיך אָפֿט צו טרעפֿען מיט פּרץ'ן אויף פֿערשיעדענע נישט לעגאַלע פֿערזאַמלונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען מייסטענטהיילס ערגעץ אין אַ סו־טערינע ביי אַנ'אַרבייטער. ס'זענען זיך דאָרט צונויפֿגעקו־מען אַ חוץ אַרבייטער אויך ליטעראַטען, סימפּאַטיקער און כלל־טהוער.

רבונו של עולם! פֿון וואָסערע אוטאָפּיען האָט מען דאָרט נישט גערעדט! מיר האָבען געמיינט, אז מיר רעגי־רען דעם גורל פֿון אייראָפּא.

פּראַקטישע זאַכען האָבען מיר אויך נישט פֿערנאַכ־לעסיגט.

הערר נאָמבערג! איהר געדענקט אודאי דעם אָוועגד אין אַ סוטערינע, ווען מען האָט דיספּוטירט וועגען סאָקאָ־לאָוו'ס יובילעאום; דאָס הייסט אויב ער פֿערדיענט, אז מען זאָל פֿייערן זיין יובל, אָדער נישט.

איהר זענט געזעסען פֿון דער ווייטענס, גאַנץ אליין אין דער פֿינסטער, מען האָט אייך קוים געזעהן, און פֿון דאָרט זענט איהר בעפֿאַלען ר"ר משורר, פּאַרלישעווסקי'ן

און מיר מיט א שאַרפֿער רעדע, געהאָלפֿען האָט אייך ח. ד. הורוויץ, דער דעמאָלטיגער רעדאַקטאָר פֿונ'ם „אידישען פֿאָלקסבלאַט“ איהר געדענקט אודאי אויך, פֿאַר וואָס?

אהן פּרץ'ן איז אין יענער צייט גאָר נישט פֿאָרגעקומען אין אונזער אידיש וועלטיל. ווער איז געווען די נשמה פֿון אלע חנוכה—פּורים—און גלאַט ליטעראַרישע אָווענדען? — פּרץ.

ווער האָט זיך בעמיהט, אַז די אָווענדען זאָלען האָבען א אידישען חאַראַקטער, אַז ס'זאָלען זיין אינטערעסאַנטע היסטאָרישע מאַסקען און קאָסטיומען?—ווידער פּרץ.

פֿאַר יעדען מאַסקען—אָדער קאָסטיומען־באַל האָבען מיר געוועהנליך אויסגעוועהלט א קאָמיסיע, וואָס האָט זיך בעדאַרפֿט בעשעפֿטיגען מיט געבען עצות און מאָדעלען צו פֿערשיעדענע היסטאָרישע קאָסטיומען. די קאָמיסיע פֿלעגט געוועהנליך צו האָבען אַ פּרעזעס, א וויצע־פּרעזעס מיט עטליכע סעקרעטאַרען כּדין וכּדת. אַז ס'איז אָבער געקומען צו עפּעס, זענען אלע פֿערשוואונדען געוואָרען. דעם פּרעזעס האָט מען אַרומגעזוכט מיט ליכט און מען האָט איהם נישט געקענט געפֿינען. געבליבען איז נאָר פּרץ, וואָס האָט נישט געגעסען און נישט געשלאָפֿען, אבי דער אָווענד זאָל געלונגען.

אויף איינעם פֿון די פּורים־אָווענדען האָט פּרץ געראַטען מיין פֿרוי צו טראָגען אַ קאָסטיום: „שבת קודש“, לויט ליליען; און ער, דער גרויסער פּרץ, איז געזעסען ביי מיר שפּעט אין דער נאַכט, און האָט צוזאַמען מיט דינעזאָנ'ען און משורר'ן געהאָלפֿען אונז אויסשניידען פֿון קאַרטאָן מנורות און אויפֿקלעבען זיי אויפ'ן ווייסען זיידענעם קלייד.

דעם מאָדעל פֿאַר דער קרוין האָט פּרץ אליין אויסגעשניטען פֿון פּאַפּיער.

מען האט בעראפט זעהן זיין אמת'ע קינדערשע פריד, ווען דאס אלעס איז געלונגען.

פרץ איז געוועזן שטענדיג אנגעפילט מיט פערשיע־דענע איניציאטיוועס, און אלע האבען פון איהם גענאשט. אפילו אידישע אנזיכטס־קארטען האט פרץ פראיעקטירט עטליכע יאהר פריהער, איידער ווינץ האט זיי אנגעהויבען ארויסצוגעבען אין בערלין.

זעהענדיג, אז פרץ איז שטענדיג פערנומען, ווי א בינען, מיט געזעלשאפטליכע זאכען, האב איך מיר נישט איינמאל געשטעלט די פראגע, ווען אייגענטליך שאפט ער? אז כ'האב אבער מיך בעקלערט, האב איך די פראגע גע־ענדערט און כ'האב מיך געפרעגט: ווען אייגענטליך שאפט ער נישט?

מאכט ער סטאטיסטיק—בעשאפט ער דעם יארציוועך רב און די איבריגע רייזע־בילדער. פאלט ער אריין אום אווענד אין די „ארימע קינד“ אויף גרזיבאווסקע נומר 1 און זעהט דארט א הונגעריג איינגעל, שאפט ער „דאס ארימע איינגעל“. זעהט ער אין קהל־שטיבעל א נידערגעשלאגענעם טרעגער, וואס קומט נעבעך אליין געהמען א צעטעל אויף די קבורה פון זיין וחיב—ווערט דערפון א „באנציע־שוויינ“. ריערען מיר אמאל אויף א שפאציר מכח אידישע מוזיק און דער־הערען פלוצלינג, ווי א בלינד אידיש מיידעלע זינגט עפעס אנ'אומעטיג חסידיש לידעל—ווערט דערפון בעשאפען: „דער גלגול פון אנ'אלטען ניגון“.

פרץ'ס פאנטאזיע האט קיינמאל נישט גערוהט. ער פלעגט אפט צו רעדען מיט עמיצען וועגען עפעס א זאך, דאכט זיך, גאנץ ערנסט און מען האט דאך ליכט דער־קענט, אז ער טראכט גאר וועגען עפעס אנדערש. פלוצלינג האט ער זיך אבגעזעגנט און איז געלאפען א היים שריי־בען.

נאָמבערג האָט אַזאַ מאָמענט אויסגענוצט און איינעם פון זיינע העברעאישע פעליעטאָנען אויף די טעמאַ: „ווי אַזוי האָבען אידישע ליטעראַטען ליעב". פּרץ האָט עס איהם קיינמאָל נישט פערגעסען...

איינמאָל האָב איך זיך מיט פּרץ'ן אָבגערעדט צו געהן צוזאַמען צו אַ בעקאַנטען וועגען אַ געוויסען געזעלשאַפטליכען ענין, און ער האָט נאָך מיר אָבגעטרעטען אין אידישען שפּיטאָל אויף פּאָקאָרנע, וואו כ'האָב אין אַמבו־לאַטאָריום אָנגענומען קראַנקע. אַזוי ווי איך בין נאָך גע־ווען בעשעפטיגט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט וואַרטען עטליכע מינוט, ביז איך וועל ענדיגען.

פּונקט אין זיין געגענוואַרט איז אַריינגעקומען אַ קראַנקע בלאַסע פרוי, אַ היסטעריקע און מיט איהר אַ אינגעלע פון אַ יאָהר אכט—ניין, אָבער שוין אַ פאַרטיגער מענש, אַזוי ווי ס'טרעפט זיך ביי אָרימע אידען; דאָס אינגעלע האָט געהאַט אַ בלאַס פערזאָרגט פּנים מיט אַ געריכצעלטען שטערען, אַן'איינגעהויקערטע פּליצע און אַ פּאָר גרויסע פער'חלום'טע אויגען.

אָנגעטהון איז דאָס אינגעלע געוועזען שוין אויך, ווי אַ דערוואַקסענער, אין אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע מיט אַ שפּאַלט, און אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ קליין היטעלע מיט אַ קורצען דאַשיק.

„פּאַניע דאָקטער—האָט זיך דאָס אינגעלע געווענדט צו מיר,—ראַטעוועט מיין מאַמישי".

מיין בליק האָט זיך בעגעגענט מיט פּרץ'ס בליק...

איך האָב געענדיגט מיין בעשעפטיגונג און מיר זע־נען אוועקגעגאַנגען צום בעקאַנטען, וואו מיר האָבען פער־בראַכט עטליכע שעה, רעדענדיג נאָר פון דעם ענין, צוליעב וועלכען מיר זענען געקומען.

וועען מיר זענען צוריקגעגאנגען זאגט צו מיר פרץ: „איך האב פאר איך מאטעריאל אויף א שיינע נאוועלע, הערט אוים“.

פרץ פלעגט ליעב האבען צו געבען זיינע מקורבים א געדאנק אדער א געוויסע טעמא צום בעארבייטען.

ער האט פערוויכערט א לאנגען „קאוואלערסקי“ פאפיראס, און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען:

„א גרויסער גוטער איד, וואס מען איז געפאהרען צו איהם מארבע פנות העולם, איז פלוצלינג ארייגעפאלען אין ספיקות; און נאך געוויסע חחקירות און גריבלען זיך, איז ער געקומען צו דער דעה, אז ער נארט אב די אלע, וואס קומען צו איהם בעטען פערשיעדענע זאכען און וואס גלויבען אודאי, אז ער איז א גאנצער מאכער אינ'ם הימעל יבּיים רבונו של עולם. די געדאנקען האבען דעם רבין נישט געלאזט רוהען און ער האט בעשלאסען צו ווערען אוים רבי, אוים בעל מופת.

סאיז אבער נישט אזוי לייכט, ווי ס'רעדט זיך.

ערשטענס, איז דאס א דינאסטישע פראגע און די גאנצע משפחה איז געווען דאגעגען. צווייטענס, האבען דאס די חסידים נישט געוואלט צולאזען; און וואס מעהר דער רבי האט געשריען, אז ער איז א פשוט'ער איד און זעהט נישט קיין מלאכים, האבען זיי אלץ מעהר געגלויבט אין זיין קדושה, און אלץ מעהר זענען זיי געקומען צו איהם מיט קוויטלעך.

דער רבי האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, און האט זיך בויסלעכווייז אנגעהויבען צו בערוהיגען.

אייגענטליך, נארט ער דאך קיינעם נישט אב, האט ער זיך געטראכט. ס'קומען דאך צו איהם דערוואקסענע, אנטוויקעלטע מענשען מיט זייער גוטען ווילען, קיינער צווינגט דאך זיי נישט. א חוץ דעם, זאגט ער דאך זיי אלץ און איינעם, אז ער איז נישט קיין היילינגער... ס'איז אפילו

גאַנץ מעגליך, אַז זיי אַליין גלויבען אויך גאָר ניִשט אין זיין קדושה... ס'איז גלאַט אַזאַ מאָדע... מען קומט פרעגען אַן עצה...

דער רבי איז ווייטער געבליבען זיצען רוהיג אויף זיין שטוהל.

אַמאָל אָבער איז צו איהם געקומען אַ קראַנקע פרוי בעטען אויף אַ רפואה שלמה—זי איז געווען געפעהרליך קראַנק.—מיט איהר איז מיטגעקומען אַ קליין איינגעלע מיט אַ פּאָר גרויסע אויגען. דאָס קינד האָט זיך געווענדעט צום רבי'ן מיט די ווערטער: „הייליגער רביניו, ראַטעוועט מיין מאַמעניו“.

דאָס האָט דער גוטער איד שוין ניִשט געקענט איי־בערטראָגען. דאָס אומשולדיגע קינד, האָט ער זיך גע־טראַכט, גלויבט אין מיין געטליכקייט און אין מיין כח באמת, און איך טאָר עס ניִשט אָבנאַרען.

ער איז געוואָרען אויס רבי“.

איך האָב באַלד פרץ'ן בעמערקט, אַז איך וועל די זאַך שלעכט אויפשרייבען, ווייל ס'איז ניִשט מיין זשאַנר. ער האָט אָבער דורכאויס פערלאַנגט, און איך האָב עס אויפגעשריבען טאַקי ניִשט געלונגען.

די נאָוועלע איז בעשאַפען געוואָרען ביי פרץ'ן אין מוח, ווען ער האָט געהערט גאָר פון אַנדערע זאַכען.

פון דעם בילד איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסען „די גאָלדענע קייט“.

פרץ פלעגט זעהר לייכט צו איממפּראָוויזירען סאַטירי־שע פערזען.

ער האָט ליעב געהאַט צו נעהמען אַ פּאָפּולערע מע־לאָדיע און צו צופּאַסען צו איהר פערזען.

פרץ'ס מקורבים געדענקען אודאי דאָס ליעדעל: „מלכותא דארעא כמלכותא הרקיע“, וואָס ווערט געזינגען מיט דער מעלאָדיע פון'ם רוסישען פאָלקס־ליעד: „וואַנקאַ“.

# פּרץ

אַט איז דאָס לידעל:

1.

מלכותא דארעא, כּמלכותא הרקיע,
אויבען און אונטען איז גלייך.
ס'געהערען די „דיעליעס" אין בית־דין של מעלה,
גאַנץ זיכער אויף רוסישער שפּראַך.
אַ סודיא איז איינגעשלאָפען,
שכּור מן הסתם.
ווייזט זיך באַלד דער פּרעדסיעדאַטעל —
יאַ טיע וו'זובי דאַם.

2.

קאָטקאָוו האָט די גרעסטע דעה,
גבאי אין גן־עדן;
נשמה קיין קלעק פון כרתי פלתי,
אַ לעק פון שפּאָלער זיידען.
ס'קומט אריין דער סחוזשער מגיד,
צי גאָר דער מהר"ל
באַוויזט זיך באַלד דער שר של יון:
„טי קודא נאַחאַל!"

3.

סאַמע מאָסקוויטער „סלאָווסיאַ",
און מען שפּרינגט נאָר: „סוויאַט".
אַלץ פּאַשאָל, נאָר לוט זאָל בלייבען,
מיט איהם לעבט מען בלאַט.
פאַר נח'ן האָט געבעטען לוט;
מען לאָזט אריין דעם שפּאַק
און איז דרייען טרינקט מען יין —
פאָנקאַ ניע דוראַק.

4.

האַלילויאַ און קאָל סלאַווען
און באָזשע צאַריאַ,
גאָט אַליין ער הייבט זיך אונטער
און שרייט מיט אוראַ!
אין סאַראַפאַן שטייט גאָר די שכינה
רוקט ער זיך צונ' איהר צו;
זאָגט זי איהם: וואַניאַ, וואַניאַ
וואַניאַ, ניע שאַלי.

מיט דער לעצטער סאַטירע האָט פּרץ געוואָלט שילדערן די עפּאָכע, ווען די רוסישע רעגירונג האָט דורכאויס געוואָלט רוסיפיצירען פּויילען און איינפיהרען בחוזק יד, בפרט אין חעלמער געגענד, פּראַוואָסלאַוויע.

דאָס לידעל האָט פּרץ אויפגעשריבען זייענדיג נאָך אין זאַמאָשטש.

אַ מאָל איז פּרץ ביי מיר געזעסען גאַנץ שפּעט. מען האָט ביי מיר אַ גאַנצען אָווענד מוזיצירט און מ'האָט ס'מייסט געזונגען און געשפּיעלט שוּבערט'ס קאָמפּאָזיציעס צו היינע'ס געדיכטען, נאָר צום סוף האָט עמיצער געזונגען דאָס פּאָפּולערע „שטענדכען" (דע מינאָר) וואָס איז פּרץ'ן זעהר געפעלען. ווען איך האָב פּרץ'ן אָבגעפיהרט אהיים, האָבען מיר אָבגעטרעטען אויף דער טוואַרדע אין אַ צוקערניע אויף אַ גלעזעל טהיי. פּרץ האָט קיינמאָל נישט געקענט עפּעס גלייך אהיים גיין, ווי אַלע אַנדערע מענשען טהון. די צוקערניע איז שוין געווען כמעט ליידיג. מיר האָבען זיך געזעצט ביי אַ קליין טישעל. ביי אַ טישעל נאָהענט פון אונז איז געזעסען אַ הערר מיט אַ דאַמע. צי איז דאָס געווען אַ פּאָר פאָלק, צי נאָר בעקאַנטע, ווייס איך נישט עד היום. מיר האָבען געזעהן, ווי דער הער האָט זיך עפּעס געבעטען רחמים ביי דער דאַמע און זי האָט זיך אַלץ אונאיינגעם פון

איהם אָבגעקעהרט מיט א זייער בייז פּנים. מיר האָבּען גע־שוויגען און האָבּען זיך צוגעקוקט צו דער טראַגי־קאָמישער סצענע.

פלוצלינג האָט פריץ גענומען דאָס פאַפּירענע סערוועטעל, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טישעל און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען פערזען. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער עס מיר דערלאַנגט און האָט מיך געבעטען, אז איך זאָל עס איהם פאָרזינגען מיט דער מעלאָדיע פון שובערט'ס „שטענדכען".

איך האָב איהם צוליעב געטהון און האָב אָנגעהויבען גאַנץ שטיל צו זינגען:

אוי שרה'טשי, שרה'טשי!
בעט זיך שוין איבער
און לאָז מיך אריין אין ב...
כ'שטעה פאַר דיר בּאָרוועס,
כ'בעקום שיעור דאָס פיעבער,
שרה'טשי זאָל שוין זיין אַנ'עק,
הערסט, ווי אין קוימען ס'פישטשען די גרילען
זיי בעטען רחמים פאַר מיר (בּיס)
זאָל זיך שוין דיין גרימצאָרן שטילען,
שרה'טשי, ווילאַנג איז דער שעור? (בּיס)

ס'שטעהט שוין אודאי
פון הימעל א מלאך
און האלט א נשמה'לע גרייט.
זאָל זיין בחנם זיין גאַנצער מהלך?
שרה'טשי הער צו מיינע רייד,
הערסט, ווי אין קוימען ס'פישטשען די גרילען.

א. א. ווי.

געזינגען האָב איך, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, גאַנץ שטיל, דאָס פאַר פאָלק אָבער ביים צווייטען טישעל, האָט זיך דאָך צוגעהערט.

# פּ ר ץ

דער פֿערזולטאַט איז געווען דער, וואָס די בייזע און אָנגעבלאָזענע דאַמע האָט זיך הערצליך צעלאַכט, דער העחר איז געוואָרען זעהר לוסטיג, ער האָט שנעל בעצאָהלט, און זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען געאַרעמט לאַכענדיג הויך אויפ׳ן קול.

מי יודע, וואָס איז פון דעם לאַכען אַרויסגעקומען...
מיר ביידע האָבען אויך געלאַכט.

# XIII.

ס'האָט אויסגעבראָכען דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג: און איך האָב געמוזט פֿערלאָזען וואַרשאַ אויף העכער אַנדערטהאַלבען יאָהר.

איך האָב מיך געמוזט שיידען מיט מיין פֿרוי און קינדער, מיט מיין טעטיגקייט און מיט'ן נאָרמאַלען לעבען בכלל.

פּרץ מיט דינעזאָנ'ען זענען צו מיר אַרויפֿגעקומען געזעגנען זיך און געבען אַ ברכה אויפֿ'ן וועג.

איך בין שוין געווען אָנגעטהון אין די בגדי מלכות, און איך בין געווען גענוג אומעטיג.

— ס'גליסט אייך נישט באמת צו פֿאָהרען אויף די מלחמה? — האָט מיך פּרץ געפֿרעגט און האָט מיך דורכ־געדרונגען מיט זיין טיפֿען בליק. — ס'איז דאָך זעהר אינ־טערעסאַנט!

איך האָב איהם נישט געענטפֿערט און האָב מיט דער האַנד געוויזען אויף מיין פֿרוי און אויף מיינע צוויי קליינע קינדער.

פּרץ'ס אויגען האָבען זיך אַביסעל פֿערנעבעלט.

— ס'איז אָבער פֿאָרט אינטערעסאַנט — האָט ער געזאָגט נאָך אַ קליינע ווייַלע — און בפֿרט פֿאַר אייך.

ביי די ווערטער האָט ער מיר דערלאַנגט אַנ'אַזוי גערופֿענע „עווינגע פעדער“. — איהר זאָלט אָבער מיט איהר שרייבען נישט קיין רעצעפּטען, נור ערצעהלונגען, — האָט ער צוגעגעבען.

## פּרץ.

איך האָב געדאַנקט און האָב צוגעזאָגט צו ערפֿילען זיין וואונש און כ'האָב טאַקי מקיים געוועזען. מיט פּרץ'ס עוויגער פֿעדער האָב איך אויפֿן קריעג פֿערהעלטניסמעסיג א סך געאַרבייט ליטעראַריש.

דינעזאָן האָט מיר געגעבען אויפֿ'ן וועג א תנ"ך'ל.

— אבי נישט קיין מעבר־יבוק — האָט פּרץ בעמערקט לאַכענדיג.

ווען איך בין אים יאַנואַר 1906 צוריקגעקומען פֿונ'ם קריעג קיין וואַרשא, האָב איך חאָ־יט געטראָפֿען איזש צוויי אידישע צייטונגען: דעם „וועג“ און דעם „טעלעגראַף“.

פּרץ האָט געשריבען אינ'ם „וועג“.

נישט וויסענדיג דערפֿון, האָב איך באַלד דעם ערשטען טאָג, ווי איך בין געקומען קיין וואַרשא, איבערגעגעבען מיינע רייזע־נאָטיצען דעם יונגען סאָקאָלאָוו, וואָס האָט צוזאַמען מיט סירקינ'ען רעדאַגירט דעם „טעלעגראַף“.

פּרץ האָט געהאַט אויף מיר א ביסעל תרעומות.

— נישט דערויף האָב איך אייך געגעבען אַנ'עוויגע פֿעדער — האָט ער געזאָגט האַלב ערנסט, האַלב לאַכענדיג, — אז איהר זאָלט שרייבען אין א קאָנקורענץ־בלאַט. איך האָב דאָך אייך געוויזען דעם וועג!

אין פּרצ'ן האָב איך נישט געפֿינען קיין שום שנוי, דאָס זעלבע נערוועזע, רוהרעוודיגע לעבען און די זעלבע גראַנדיעזע פּלענער.

א ביסעל שפּעטער האָט פּרץ גענומען א גרויסען אַנטייל אינ'ם גרינדען די קאָמאַנדיט־געזעלשאַפֿט „ישורון“, צו וועלכע ער האָט אויך מיר צוגעצויגען.

פּרץ האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע צו צוציהען זיינע בעקאַנטע צו יעדער אונטערנעהמונג, אין וועלכער ער האָט גענומען אַנ'אַנטייל.

איך מוז מודה זיין, אז גראד דעמאלט בין איך געווען דערפון זעהר אומצופרידען און כ'האב נישט געוואלט געהערען צו דער געזעלשאפט, כ'האב אבער נישט געקענט פרץ'ן אבזאגען.

מיר האבען אינ'ם „וועג“, וואס האט געהערט צו דער געזעלשאפט „ישורון“, געבילדעט א רעדאקציאנס־קאמיטעט און פון צייט צו צייט האב איך געגעבען פרץ'ן א קליינעם פעליעטאן.

די קאמאנדיט־געזעלשאפט מיט דעם „וועג“ צוזאמען האט אין קורצען געפלאצט; פרץ האט זיך אין דער צייט געווידמעט כמעט אין גאנצען דער דראמאטישער קונסט. איינע פון זיינע דראמעס, פונ'ם חסידישען לעבען, האט ער געשטעלט אויף א וואוילטעטיגען צוועק אין ווינטער־טעאטער ביי עפעלבערג'ען. ס'האבען זיך אין דעם אווענד פערזאמעלט אינ'ם טעאטער די בעסטע פארשטעהער פון דער אידישער נישט־אסימילירטער בורזשואזיע און אינטעליגענץ. די וואנד פון עפעלבערג'ס טעאטער האבען נאך קיינמאל אזא עולם נישט געזעהן.

די דראמע איז דורכגעפאלען. ערשטענס דערפאר, וואס אין איהר איז נישט געווען קיין שום דראמאטישע אקציע. די סצענע איז געווען אין גאנצען איבריג, וויל די העלדען, וואס האבען זיך אויף איהר ארומגערעהט, האבען נישט געהאט, וואס צו טהון, זיי זענען געווען פערנומען נאר מיט'ן רעדען. צווייטענס, האבען די שוישפילער זעהר שלעכט געשפיעלט און האבען לחלוטין נישט פערשטאנען די אידעע פון דער דראמע. דריטענס, האט מען געשפירט, אז די דראמע איז געווען זעהר שנעל אויפגעשריבען, איינס האט זיך נישט געקלעבט צום צווייטען. מען האט דערקענט, אז דער אויטאר האט זיך געאיילט און מען האט זיך נאר געוואונדערט, וואס דער זעלבער פרץ, וועלכער פלעגט יעדע זיינע שאפונג צו שניצען און

צו פּוילען, איידער ער האָט זי אַרויסגעלאָזט, האָט זיך בע־צויגען צו דער דראַמע אַזוי גלײַכגילטיג. מען האָט עס ערקלערט דערמיט, וואָס דעם גרויסען פּרץ האָבען דאָך נישט געלאָזט שלאָפען די לאָרען פון שלום אַש, אַלס דראַמאַטורג.

די דראַמע האָט פּרץ שפּעטער עטליכע מאָל אי־בערגעאַרבייט.

פּרץ האָט זיך דעמאָלט פעראינטערעסירט מיט דער טעאַטער־פראַגע בכלל. די פראַגע איז געווען אַ זעהר ערנסטע.

די אידישע טעאַטערן אין וואַרשא זענען געשטאַנען זעהר נידריג אין יעדער בעציהונג.

דער טעאַטער אויף מוראַנאָוו האָט פאָרגעשטעלט אַ הילצערנעם שטאַל, וואו דער עולם האָט זיך מיט זיין אויפ־פיהרען געגצליך אויהם צוגעפּאַסט: מ'האָט געקנאַקט הויך ניס, מען האָט געגעסען פּאָמעראַנצען און די שאָלעכץ האָט מען געוואָרפען פאַר זיך, מען האָט געשמועסט פון געשעפטען, ווײַסע חברה'ניקעס זענען אַריבערגעקראָכען פון דער גאַלעריע אין די „לאָזשען“, ס'איז געווען שמחה וששון, ס'האָט אויסגעזעהן, ווי אין אַ שטיבעל צו די הקפות.

געשפּיעלט האָט מען דאָרט אַזעלכע פּאָרסען, וואָס האָבען געקענט בעפרידיגען נאָר דעם געשמאַק פונ'ם ניד־ריגסטען פּעבעל, וואָס האָט קיין בעסערס קיינמאָל נישט געזעהן און נישט געהערט. דער גרעסטער טייל פון די שוישפּילער זענען געווען לעכערליך נישט נאָר מיט'ן שפּיעלען, נור אויך מיט'ן גריים און מיט די מלבושים, וואָס האָבען אויסגעצייכענט געפּאַסט צו די „דעקאָראַ־ציעס“.

מילא אין „חינקע־פינקע“ אָדער אין „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט“ האָט מען נאָך געקאָנט אויסהאַלטען פון

די דעקאראציעס און פון די צוגעטשעפעטע בעהר. איך געדענק אבער אין מוראנאווער טעאטער גארדינ'ס דראמע „אלישע בן אבויה“. די דעקאראציע האט געזאלט פאר־שטעלען א זעהר רייכע ווילע מיט א פאנטאן.

די ווילע האט פערמאגט, כוויים נישט פאר וואס, א שווארצען צוברָאכענעם קוימען, און דער שפרינגברונען האט זיך נישט אויפגעהערט צו טרייסלען, אבער מיט וואסער האט ער נישט געשפריצט.

די שענע העטערא, וואס אין איהר נעץ פאלט אריין אלישע בן אבויה, האט געשפיעלט אנ'עלטערע דיקע פרוי, וואס איז געווען נאך שוואך — מיין בעקאנטער קאלעגע האט זי געהאט בעהאנדעלט — דער האלז און נאך געווען פערבונדען מיט א טיכעל.

איך געדענק נאך די גאלדענע שטוהל אויף וועלכער עטליכע קנעכט, אנגעטהון אין אויסגעריבענע, ברודיגע פרעק, האבען די העטערא ארויסגעטראגען אויף דער סצע־נע. די שטוהל האט טאקי נישט געקענט אויסהאלטען די משא, אהן א עין הרע, און איז טאקי צובראכען געווארען. מיין גאט! ווער ס'האט דאס נישט געזעהן, האט אין זיין לעבען קיין אמת'ע קאריקאטור נישט געזעהן.

עפעלבערג'ס טעאטער איז שוין געווען א ביסעל בעסער. דארט איז פון צייט צו צייט ארויסגעטרעטען אסתר רחל קא־מינסקא אין גארדינ'ס דראמען, אבער איז שוואלב מאכט נישט קיין זומער. א חוץ דעם זענען די דעקאראציעס און אלע אנדערע זאכען נישט געווען א סך בעסער, ווי אין מוראנאווער טעאטער.

פרץ האט זיך שוין לאנג געהאט ארומגעטראגען מיט דער אידעע צו בילדען אין ווארשא א גרויסען אידי־שען טעאטער, וואס זאל קענען בעפרידיגען דעם געשמאק פון דער אידישער אינטעליגענץ, וואס בעזוכט דעם פוי־

לישען טעאטער. אבער די ווארשאווער אידישע געזעל-
שאפט איז נאך נישט געוועזען גענוג ריף דערצו.

אבער נאך דעם, ווי די אידישע אינטעליגענץ האט אנגעהויבען אלץ אפטער צו בעזוכען דעם אידישען טעא-טער און צו זעהן אלע חסרונות, האט דער געדאנק צו בילדען אנ'אייגענעם מאדערנעם טעאטער ערוואָרבען א סך אנהענגער.

זעלבסטפערשטענדליך האט אזא אונטערנעהמונג בע-דארפט האבען זעהר א סך געלד. פרץ האט אויסגעארבייט א גראנדיעזען פלאן צו גרינדען אנ'אקציען-געזעלשאפט; און צו פערקויפען אקציעס אין גאנץ רוסלאנד און פוילען. פון אנהויב האט עס אויסגעזעהן, ווי אנ'אוטאפיע, אבער נאך עטליכע פערזאמלונגען, אויף וועלכע פרץ האט די זאך פארגעשטעלט און מאטיווירט, זענען אלע אנוועזענדע געקומען צום בעשלוס, אז די זאך איז גאנץ מעגליך דורכ-צופיהרען.

מען האט אויסגעוועהלט א ספעציעלע טעאטער-קאמיסיע, וואס האט זיך אונטערגענומען די זאך אויסצו-פיהרען.

די קאמיסיע איז בעשטאנען פון א. פארלישעווסקי'ן, נח דאווידזאהן און איך. מיר האבען זיך גענומען ענער-גיש צו דער ארבייט, און כדי צו קענען ווירקען אפען, האבען מיר אין הריען געבילדעט א טעאטער-געזעלשאפט אויפ'ן סמך פון אנ'אקציען-געזעלשאפט, וואס האט דאס רעכט צו צונעהמען מיטגליעדער. מיר האבען ביי א נאטאר (רעיענט) אונטערגעשריבען א קאנטראקט, זעלבסט-פערשטענדליך אויף רוסיש, ווייל פוילישע קאנטראקטען האט דער נאטאר דעמאלט נישט געטארט שרייבען, און מיר האבען אין איהם מאטיווירט ברייט דעם ציעל פון אונזער קאמאנדיט-געזעלשאפט. הונדערטער קאפיעס האבען

מיר צושיקט קיין רוסלאנד צו בעוואוסטע אידישע פעל-טהוער און מעצענאטען.

פאר פוילישע אידען האבען מיר דעם קאנטראקט איבערזעצט אויף פויליש.

ס'איז געלונגען.

נאך א קורצער צייט האט אנגעהויבען אנצוקומען פון רוסלאנד געלד. פרץ איז געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל.

פוילישע אידען האבען זיך אבגערופען א סך וועניגער.

ביי דער געלעגענהייט קאן איך מיך נישט איינהאלטען נישט צו דערצעהלען, ווי אזוי ס'האבען אויף דעם רעאגירט די אסימילאטארישע רעדעלפיהרער מיט זייערע מיטשטופער.

די בעוואוסטע ווארשאווער לאפיטוטען, וואס פלעגען געוועהנליך ארויסצוקריכען פון זייערע לעכער פאר די וואהלען אין דער „גמינע“ אדער אין די דומע, די פארשוינען האבען פלוצלינג אין א מיטען מיטוואך בעקומען דרייכען שטאף אקעגען די „פיינד פונ'ם פאטערלאנד“ — די נאציאנאלע אידען און האבען גאר אויפגעלעבט.

ס'האט געשמעקט מיט אנ'איינפאכע מסירה...

מען האט דעם רוסישען קאנטראקט ארומגעטראגען אויף די גאסען, און אלע צוקערניעס, און מען האט געוויזען, ווי ווייט מיר גראבען זיך אונטער דער פוילישער קולטור, מיר ווילען גאר א אידישען טעאטער, און שרייבען רוסישע קאנטראקטען.

מען האט אויך געוויזען דעם קאנטראקט די ראשי-הקהל — אבוואהל פרץ איז נישט געווען אונטערגעשריבען אויפ'ן קאנטראקט, האבען אבער אלע געוואוסט, אז איהם געהערט די איניציאטיווע פונ'ם אידישען טעאטער — ווי אויך דעם עלטעסטען דאקטאר פונ'ם אידישען שפיטאל,

# פּ ר ץ.

וואו איך בין אָרדינאַטאָר, ווי איינער זאָגט: „זעהט, וואָס פֿאַר אַ שעדליכע מענשען ס'דרעהען זיך אַרום אינ'ם „שפּיטאָל סטאַראָזאַקאָנניך" און אין דער „גמינע סטאַראָזאַקאָנניך" און איהר רעאַגירט גאָר נישט".

אין דער „גמינע" האָט מען טאַקי געוואָלט רעאַגירען און אָבזאָגען פּרץ'ן. ס'איז אָבער נישט געלונגען.

## XIV.

כ'האב שוין פריהער עטליכע מאל אונטערגעשטרי־כען, אז אין ווארשא איז דעמאלט נישט פארגעקומען קיין שום אידישע געזעלשאפטליכע בעוועגונג אהן פרץ'ן.

פרץ פלעגט אפילו אפטמאל שטערען מיט זיין עקשנות און מיט זיין שטארקער אינדיווידואליטעט, וואס האט זיך קיינמאל נישט געוואלט צופאסען צו דער מעהר־הייט, אבער אהן פרץ'ן איז פארט געוועזען אומעטיג, טויט; און דערפאר טאקי פלעגען אלע זיך טוילען מיט איהם מיט זיינע אונציאטיוועו, און צו ארבייטען מיט איהם אין פערשיעדענע געזעלשאפטליכע, קולטורעלע אדער פא־ליטישע חברות, נישט קוקענדיג אויף אלע זיינע חסרונות.

אבער איינע פון אזעלכע חברות איז צווישען פרץ'ן און מיר דורכגעלאפען א שווארצע קאץ, וואס האט ליידער צושטערט אונזער נאהנטען קאנטאקט אויף עטליכע יאהר.

איך מיין דעם „הזמיר“.

פרץ האט דעם „הזמיר“ פון אנהויב זעהר נישט ליעב געהאט.

די אלע, וואס ווייסען, וואס פרץ האט אין די לעצ־טע צייטען געטהון פאר'ן „הזמיר“, וויפיעל כחות ער האט דארט אריינגעלעגט, וועלען זיך אודאי וואונדערן. ס'איז אבער דאך אזוי.

איך שרייב אצינד נישט קיין זכרונות פון ווארשא־ווער „הזמיר“ — ס'וועט קומען דערויף א צייט —. איך מוז זיך אבער דא אביסעל לענגער אויף איהם אפשטעלען,

בכדי מען זאל בעסער פארשטעהן פרץ'ס פערהעלטניס צו איהם.

דער ווארשאווער „הזמיר“ איז בכלל געבוירען געווארען עפּעס אין א שלימזל'דיגער שעה. די ציעלען זיינע זענען געווען נישט פאר אלע קלאר. יעדער האט פערלאנגט פון איהם עפּעס אנדערש, און דערפאר האט ער קיינעם נישט געקענט בעפרידיגען.

דער הויפּט-גרינדער פון ווארשאווער „הזמיר“ ניסן שפּירא האט געוואלט, אז זיין ליעבלינגס-קינד זאל ווערען אלץ, וואס איהר ווילט: אן אפּערן-הויז, א חזנים-שולע, א טלעגנצעטנדער כאר מיט אן אָרקעסטר א. א. וו.

עטליכע פון די איבריגע גרינדער האבען בכלל נישט געוואוסט, וואס זיי ווילען. זיי זענען עהנליך געווען צו א מענש, וואס האט חתונה דאס צווייטע מאל און הערט נישט אויף ליעב צו האבען דאס ערשטע ווייב. זיי זענען געקומען פון לאדז, וואו זיי האבען געגרינדעט דעם ערשטען „הזמיר“ אין פּוילען, און דאס צווייטע ווייב, דער ווארשאווער „הזמיר“, האט זיי נישט געקענט געפעלען צוליעב פערשיעדענע טעמים. דארט, אין לאדז, האט מען אין „הזמיר“ נים ארייננעלאזט קיין אידיש פאלקס-ליעד, דא אין ווארשא האט מען גאר געוואלט אידישע פאלקס-ליעדער; דארט אין לאדז איז מען געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל, ווען דער כאר מיט די צילינדער'ס אויף די קעפּ האט געזונגען א תפלה, דא אין ווארשא האט עס ווייניג אימפּאנירט.

די ציוניסטישע יוגענד האט פערלאנגט, אז דער „הזמיר“ זאל זיין א ספּעציעל ציוניסטישער און זאל זינגען: „עוד לא אבדה תקותנו“ און אנדערע ציוניסטישע ליעדער. דער „בונד“ האט פערלאנגט די „שבועה“.

עטליכע מיטגליעדער פונ'ם ערשטען קאמיטעט, ווי יוסף לעווינטע, לעאן לעווינטע, פּאדלישעווסקי, לעווענסאָהן

און איך האבען געשטרעבט, אז דער „הזמיר" זאל בילדען א אידישען פעראיין פאר מוזיק און ליטעראטור, וואס זאל זיך ספעציעל פערנעהמען מיט אידישע מוזיק אין איהרע פערשיעדענע פארמען. דער „הזמיר" האט בעדארפט, לויט אונזער מיינונג, טראגען אן'אונפארטייאישען געזעלשאפט-ליכען כאראקטער. אין איהם האט בעדארפט זיין אן'ארט פאר אלע אידישע מעלאמאנען אהן שום פאליטישע טענ-דענצען.

דער כבוד צו זיין דער ערשטער פרעזעס פון ווארשאווער „הזמיר" איז אויסגעפאלען מיר.

ווען יוסף לעווינטע און אברהם פאדלישעווסקי האבען מיך אויף דער גרינדונגס-פערזאמלונג געפרעגט, וועמען וויל איך האבען, אלס וויצע-פארזיצענדען, פרץ'ן אדער דעם ד"ר משורר, האב איך אהן א שום ישוב פערלאנגט פרץ'ן.

ערשטענס, האב איך גאנץ גוט פערשטאנען, ווי ווייט פרץ קאן נוצליך זיין אזא געזעלשאפט, ווי „הזמיר"; צווייטענס, האב איך פרץ'ן פשוט ליעב געהאט און איך האב איהם געוואלט האבען נעהנטער צו זיך.

פרץ, וואס איז אויך געוועזען אויף דער פערזאמלונג, האט דעם כבוד אנגענומען.

באלד אויף די ערשטע זיצונגען פונ'ם קאמיטעט האבען זיך אנגעהויבען רייבונגען צווישען פרץ'ן און איי-ניגע מיטגלידער פונ'ם קאמיטעט, וואס פרץ האט זיי נישט געקענט ליידען. א חוץ די פערזענליכע אנטיפאטיע, וואס פרץ האט צו זיי געשפירט, זענען זיי בכלל געוועזען מענשען גאר פון אן'אנדער ספעקע וואס פרץ, מיט גאר אנדערע וועלט-אנשויאונגען, מיט גאר אנדערע אידעאלען. פרץ האט זיי נישט געקענט אבטרעטען, און זיי האבען פרץ'ן נישט געוואלט אבטרעטען.

# פרץ,

איך האב געמוזט בענוצען מיין גאנצען שוואכען ארסענאל פון דיפלאמאטיע, בכדי נישט צו דערלאזען צו א קאנפליקט; און כ'האב, זעלבסטפערשטענדליך, קיינעם פון די ביידע קעמפענדע צדדים נישט בעליידיגט.

נישט קוקענדיג אויף אלע מיינע פשרות, האט דאך אויפ'ן ערשטען חנוכה-אווענד, וואס דער „הזמיר" האט איינגעארדענט, אויסגעבראכען א גרויסער קאנפליקט, כמעט א סקאנדאל.

די מעשה איז אזוי געווען:

בשעת מיר האבען פאר דעם חנוכה-אווענד געמאכט דעם ליטעראַרישען פראגראם, האבען מיר איינגעשטעלט שלום-עליכם'ס „חנוכה-געלד". פרץ האט נישט געוואלט בעשטעהן, די זאך געפעלט איהם נישט. אבער נאך לאנגע וכוחים האט ער פארט אבגעטרעטען און שלום-עליכם'ס „חנוכה-געלד" האט פיגורירט אינ'ם פראגראם.

אויפ'ן אווענד גופא קומט צו געהן פרץ, נעהמט מיך אין א ווינקעלע און ערקלערט מיר קאטעגאריש, אז אויב מען וועט פארלעזען שלום-עליכם'ס „חנוכה-געלד", וועט ער נישט נעהמען קיין שום אנטהייל אין דעם אווענד און זאגט זיך אב געגנצליך פון „הזמיר". מיינע אלע בקשות, אז ער זאל דאס נישט טהון, זיינען געבליבען אהן א שום רעזול-טאט. איך האב געמאכט א קליינע בעראטונג מיטן קא-מיטעט בעמידהּ, און ס'איז געבליבען דאס מאל אבצו-טרעטען, בכדי אויסצומיידען א סקאנדאל.

שלום-עליכם'ס „חנוכה-געלד" האט מען נישט גע-לעזען מיט אנ'אויסריד, אז דער לעקטאר איז הייזעריג. אלע אבער, וואס האבען געוואוסט פון דער אמת'ער סבה, זיינען געווען עמפערט קעגען פרץ'ן, און באלד אויפ'ן צווייטען טאג איז צו מיר געקומען א מיטגליעד פונ'ם קא-מיטעט, גראד אנ'אנהענגער פון פרץ'ן, און האט מיר פאר-געלעגט, אז מיר זאלען בעטען פרץ'ן, אז ער זאל ארויס

פונ'ם קאמיטעט. „ס'איז דאך ניט קיין קאמיטעט, נאר אַ גאמת'ער גיהנום, — האט דער מיטגליעד געטענה'ט.

ס'איז טאקי געווען אמת און מערער פאר אלע האב איך געליטען. די שטענדיגע קאמפראמיסען, בכדי דער קאמיטעט זאל זיך ניט צופאלען, זענען מיר שוין נמאס ומאוס געווארען. פונדעסטוועגען בין איך ניט בעשטאַנען, פרץ'ן מביש צו זיין, בפרט אז איך האב איהם ליעב געהאט מיט אלע זיינע קאפריזען און מיט אלע זיינע סתירות, און די מאמענטען, ווען איך בין געווען אויף איהם אין כעס, האבען זעהר קורץ געדויערט.

איך מוז דא צוגעבען א כאראקטעריסטישען פאקט.

עטליכע יאהר שפעטער, ווען דער „הזמיר" האט איינגעארדענט שלום-עליכם'ס יובילעאום, איז פרץ געקומען און האט געהאלטען לכבוד שלום-עליכם'ן א גייסטרייכע רעדע. ווען איינער פון די אנוועזענדע האט איהם בעמערקט, אז ער האט דאך אמאל ניט ערלויבט צו לעזען אין „הזמיר" שלום-עליכם'ס „חנוכה-געלד", האט פרץ געענטפערט: דאס „חנוכה-געלד" טויג טאקי ניט, אבער שלום-עליכם בלייבט שלום-עליכם".

א דאנק מיין נאכגיעביגקייט פאר ביידע צדדים איז ווידער געווארען קלאמפערשט שלום.

ס'האט אבער לאנג ניט געדויערט.

איידער איך דערצעהל ווייטער, מוז איך זאגען עטליכע ווערטער וועגען די דעמאלסדיגע פינאנסען פון „הזמיר".

איך בין געווען א פארזיצענדער א „פריץ", און אז עטליכע בעלי-בתים מיט א הונדערט יונגעלייטלעך האבען מיר געזאגט: „ווער פרעזעס און בילד א כאר מיט אן אָרקעסטער, דינג א גרויסע וואהנונג, מאך א ביבליאטעק" — האב איך די עהרענשטעלע אנגענומען, און כ'האב גאר ניט געפרעגט, ווער וועט געבען געלד דערויף. אין מיר

האָבען מאַקי אָנגעהויבען צו אַרבייטען נישט נאָר אָהן אַ גראָשען אין דער קאַסע, נאָר באַלד מיט אַ דעפיציט, ווייל ביז'ן גרינדען דעם קאָמיטעט, זיינען שוין געווען הוצאות. איך האָב געמוזט אָנהויבען צו שפּעקולירען. וואָס דען האָב איך געזאָלט טהון?

מיט פּעליקס לעווענפּיש'ן האָב איך אויסגעבעטעלט ביי פרוי טאַלגרין אַ צימער אין איהר שולע אויף קראַשינסקי'ס פּלאַץ, וואו מען האָט אָנגעהויבען צו בילדען דעם כאָר. יאָאַחים קורץ האָבען מיר אנגאַזשירט, אלס דירעקטאָר, אויף קרעדיט. מען וועט איה"ש בעצאָהלען, כשיורחיב.

מיט ה' ניסן שפּירא האָבען מיר גענומען אויף גענשא גאַס, אויף באָרג, ווייסען באַטיסט אויף בלוזקעס פאַר'ן דאַמען-כאָר, ווייל שפּירא האָט פערלאַנגט, אַז די דאַמען זאָלען זיין אָנגעטהון אין ווייסען, אַזוי ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין לאָדז.

אַלע לויפענדע הוצאות האָבען מיר מיט עטליכע מיטגליעדער געדעקט כמעט פון דער אייגענער קעשענע.

װאָס ביי אַזעלכע פינאַנסען קומט אַמאָל פּרץ אויף אַ זיצונג און לעגט פאָר, אַז מען זאָל ביים „הזמיר" בילדען אַ אידישען קונסטלער-טעאַטער. ווי, להבדיל, סטאַניסלאַווסקי'ס טעאַטער אין מאָסקווע, אָדער ריינהאַרדט'ס אין בערלין.

פּרץ האָט קיינמאָל נישט מורא געהאַט פאַר אַנ'אוטאָפּיע. זיין רייכע פאַנטאַזיע איז שטענדיג געווען בעפליגעלט און האָט אָפטמאָל קיין גרעניץ נישט געהאַט. אודאי איז דאָס די העכסטע מתנה פון גאָט ביים שאַפען, אָבער אינ'ם פּראַקטישען לעבען איז אַזאַ פאַנטאַזיע אָפט זעהר שעדליך.

פּרץ'ס פאָרשלאַג איז געווען ווי אַ פונק אין אַ קעלער פול מיט פולווער.

ס'האָט אויסגעבראָכען א קאָנפליקט. ס'איז געוואָרען אַנ'אמת'ע אידישע אסיפה מיט געפילדער, מיט געשריִען און מיט'ן קלאַפּען אין טיש אריין. ניִשט קוקענדיג אויפ'ן גרויסען פּראָטעסט פונ'ם גאנצען קאָמיטעט, האָב איך פּרץ'ס פאָרשלאַג געשטיצט. ערשטענס, האָט ער מיר אימפּאָנירט; צווייטענס, בין איך דעמאָלסט געווען צו פיעל אונטער פּרץ'ס איינפלוס, אַז איך זאָל מיך קענען איהם אַקעגענשטעלען.

דער פאָרשלאַג איז זעלבסטפערשטענדליך אדורכגעפאַלען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך בעקומען פון פּרץ'ן אַנ'אָפיציעלען בריעף אויף העבראיש, אין וועלכען ער האָט געשריבען, אַז אלע קאָמיטעט־מיטגליעדער, א חוץ דעם פאָרזיצענדען זענען מתים, און מיט ניִשט לעבעדיגע מענשען קען ער ניִשט צוזאַמען ארבייטען און דערפאַר דימיניסיאָנירט ער.

דער קאָמיטעט האָט זיך, זעלבסטפערשטענדליך, געפונען בעליידיגט, און האָט די דימיסיע אָנגענומען.

איך מוז מודה זיין, אַז פון איין זייט בין איך געווען אביסעל צופרידען דערפון, ווייל איך בין געוואָרען פרייער אין מיינע האַנדלונגען; פון דער צווייטער זייט אָבער איז מיר געווען א גרויסער שאַד פּרץ'ן צו פערלירען. אָהן איהם איז פשוט געוואָרען אומעטיג.

אָהן דער ידיעה פונ'ם קאָמיטעט האָב איך איהם געבעטען, אַז ער זאָל פאָרט בלייבען אינ'ם קאָמיטעט. ער האָט אָבער ניִשט געוואָלט נאָכגעבען. נאָך ביז היינטיגען טאָג דאַכט זיך מיר, אַז פּרץ האָט ספּעציעל געמאַכט אזא אויסטערלישען פאָרשלאַג, בכדי צו האָבען אַנ'אויסריִיד ארויסצוטרעטען פונ'ם קאָמיטעט, וואו ס'זענען געזעסען עטליכע מיטגליעדער, וועלכע ער האָט ניִשט געקאָנט ליידען.

# XV.

פרץ האט פון „הזמיר“ נישט געוואלט מעהר הערען, ער האט זיך איבער איהם נאר געוויצעלט. „הזמיר“, פלעגט ער זאגען, איז טייטש א שניידמעסער —. און יעדעס מאל, ווען מיר האבען זיך בעגעגענט, איז זיין ערשטע פראגע געוועזען, ווען וועל איך פערמאכען דעם „הזמיר“, ווייל אזא געזעלשאפט בעדארף נישט און קען נישט עקזיסטירען.

איך פלעג איהם שטענדיג צו ענטפערן, אז דער „הזמיר“ האט טאקי א סך חסרונות, אבער פון אזא „הזמיר“ קען דאך מיט דער צייט ווערען א בעסערער. וועהרענד, אז מ׳וועט איהם פערמאכען, וועט מען שוין קיין נייעם נישט עפענען. פרץ איז געבליבען ביי זיינס און האט זיך געהאלטען פון דער ווייטענס, און אזוי ווי מיך האט מען דעמאלט פערקערפערט מיט׳ן „הזמיר“, איז פרץ געווארען אויך קעלטער צו מיר.

מיר פלעגען זיך צו טרעפען אויף זיצונגען פון אנדערע געזעלשאפטען, צו בעזוכען איינער דעם אנדערען, ס׳איז אבער נישט געווען דאס, וואס פריהער. פרץ האט מיט מיר גערעדט נישט, ווי מיט דעם פריהערדיגען „לעווין“ — די „ל“ פלעגט פרץ ארויסרעדען הארט — נור ווי מיט דעם פרעזעס פון „הזמיר“.

ווען איך זיץ אצינד, פערוואנגעלט פון דער היים, אין דער פרעמד, אין דעם „פריינדליכען“ רומעניען און שרייב מיינע זכרונות איבער פרץ׳ן, שפיר איך ערשט, וואס פאר

א קרבן איך האָב געבראַכט פאַר'ן „הזמיר", וואָס איבער איהם האָב איך אויף א לענגערע צייט פערלאָרען פרץ'ן. די איינציגע נחמה מיינע איז די, וואָס דער „הזמיר" איז דאָך געבליבען לעבען און דער זעלבער פרץ, וואָס האָט איהם פון אנהויב פערפאָלגט, האָט אליין שפּעטער אלץ אנגעווענדעט, בכדי ער זאָל נישט אונטערגעהן.

נאָך אַנ'אַנדערטהאַלבען יאָהר כעס האָט פרץ אָנגע־הויבען ווייכער צו ווערען. ערשטענס זענען פונ'ם קאָמי־טעט פון „הזמיר" אַרויס די עלעמענטען, וועלכע ער האָט נישט געקענט סובל זיין; צווייטענס, איז ער דאָך געוועזען פרץ ומיט'ן אמת'ען אידישען האַרץ, ער האָט אויך איינ־געזעהן, אַז דער „הזמיר" איז געוואָרען די איינציגע אידי־שע קולטורעלע געזעלשאַפט אין וואַרשא, און אַז ס'איז שוין פשוט שווער געוואָרען זיך צו בּאַגעהן אָהן איהר: פּאָפּולערע פאָרלעזונגען האָט געמאַכט דער „הזמיר", א חנוכה־אָוועגד, א פורים־באַל — האָט איינגעאָרדענט דער „הזמיר"; קומט קיין וואַרשא שלום־עליכם, אָדער דער „זיידע" רב מענדעלע, אַראַנזשירט אלץ דער „הזמיר".

פרץ האָט ענדליך בּאַוויליגט פאָרצולעזען אין „הזמיר" זיינע נייע דראַמען, און בכלל צו געבען א רייהע פאָרלעזונגען.

פרץ'ס פאָרלעזונגען זענען געווען פאַר'ן „הזמיר" זעהר נוצליך. קודם כל זענען די פאָרלעזונגען געווען זעהר אינטערעסאַנט און האָבען צוגעצויגען א גרויסען עולם. ווען זיי זענען געוואָרען אַנאָנסירט, זענען אין דעם זעלבען טאָג פערקויפט געוואָרען אלע בילעטען, און ביים אריינגעהן אינ'ם זאַל פאַר די פאָרלעזונג, האָבען זיך גע־שטופּט הונדערטער מענשען צו דער קאַסע נאָך בילעטען.

דער פּרעסטיזש פון דער געזעלשאַפט איז אַזוי אַרום געוואַקסען.

א חוץ דעם פלעגט פון פרץ'ס פארלעזונגען שטענ-דיג צו בלייבען אין דער קאסע פון „הזמיר“. שענע עטליכע צעהנדליג רובעל, און אונזער קאסירער נחמיה פינקעל-שטיין האט די הענד געריבען פון גרוים שמחה.

איך מוז דא צוגעבען, אז פאר זיינע פארלעזונגען אין „הזמיר“ האט פרץ מייסטענטייל'ס נישט גענומען קיין שום האנאראר; און אויב ער האט פון צייט צו צייט יא גענומען עטליכע רובל, האט ער דערפון נישט פראפע-טירט, און האט זיי אוועקגעגעבען דינעזאנ'ען פאר נויט-בעדערפטיגע ליטעראטען.

פרץ'ס פארלעזונגען האב איך קיינמאל נישט פער-פעהלט. איך פלעג שטענדיג בעוואונדער'ן די לייכטקייט, מיט וועלכער ער האט גערעדט. איז איהם אויסגעקומען איבערצו'חזר'ן איינע און די זעלבע פארלעזונג עטליכע מאל — איז דאס שטענדיג געווען א שפאגעלנייע פאר-לעזונג: די זעלבע טעמא, דער זעלבער אינהאלט, אבער די פארם גאר א'נ'אנדערע. צוויי מאל דאס זעלבע האט פרץ קיינמאל נישט גערעדט. צו די פארלעזונגען האט זיך פרץ אודאי גאנץ ווייניג פארגעבריים און אפטמאל גאר נישט. ער פלעגט שטענדיג רעכען אויסווענינ, און האט זיך געגנצליך צוגעפאסט צום אודיטאריום. צוליעב דעם נעהנ-טער'ן קאנטאקט צום „הזמיר“, איז פרץ'ס בעציהונג צו מיר אויך שוין געווארען א בעסערע.

פלוצלינג איז פארגעקומען אזא געשיכטע:

ס'איז געווען נאך דער טשערנאוויצער קאנפערענץ איבער דער אידישער שפראך. פרץ און שלום אש האבען געזאלט אין איינ אווענד רעפערירען געגנוי וועגען דער קאנפערענץ. ס'איז געווארען אזוי א'נאנסירט.

ווען דער עולם האט זיך שוין אנגעהויבען צו פער-זאמלען אין זאל, אויף דלוגא נומר 40, בין איך געווארן

געוואָרען, אַז אַש איז אוועקגעפֿאָהרען און האָט נישט גע-האַלטען פֿאַר נויטיג מיך דערפֿון צו בענאַכריכטען.

ווען איך האָב דאָס דערצעהלט פּרץ'ן, איז ער בע-שטאַנען אַליין אויסצופֿילען דעם גאַנצען אָווענד. —

צווישען דער פֿערזאַמעלטער יוגענד האָבען זיך אָבער געלאָזט הערען פּראָטעסטען, וואָס אַש איז נישטאָ און וואָס דער „הזמיר“ האָט זיי אָבגענאַרט.

איך בין אַרויף אויף די עסטראַדע און האָב ער-קלערט, אַז דער „הזמיר“ איז נישט שולדיג, וואָס אַש איז פּלוצלינג אוועקגעפֿאָהרען; און כ'האָב געטרייסט די פֿער-זאַמעלטע, אַז דערפֿאַר וועט פּרץ אַליין רעפֿערירען דעם גאַנצען אָווענד. איבריגענס, האָב איך צוגעגעבען, קענען די אונצופֿרידענע צוריק בעקומען זייער געלד פֿאַר די בילעטען.

— „און אונזער צייט, וואָס מיר האָבען אומזיסט פֿער-לוירען ?“ — האָבען זיך געלאָזט הערען צווישען עולם עטליכע שטימען שוין מיט עזות.

דער פּראָטעסט האָט, ווייזט אויס, פּרץ'ן אויפגע-רעגט, ער איז אַרויף אויף די עסטראַדע אַ בלאַסער און האָט בעוויזען איינע פֿון זיינע סתירות.

אַנשטאָט צו בערוהיגען דאָס אוידיטאָריום, האָט ער זיך גענצליך צוגעפּאַסט צו דער אויפגערעגטער שטימונג פֿון דער אַרבייטער-יוגענד, און אַלס הקדמה צום רעפֿעראַט האָט ער נישט מיר, נישט דיר, אָנגעהויבען צו קריטיקי-רען די אידישע „אינטעליגענץ“, וואָס קומען צו דער מאַר-סע, נישט אַלס גלייכע, נאָר אַלס פֿיהרער. אַנשטאָט, וואָס די הערהרען בעדאַרפֿען זיך אונטערוואַרפֿען דעם פֿאָלק, — האָט פּרץ געזאָגט מיט אַ הויכער שטימע, — ווילען זיי גאָר רעגירען. ס'איז שוין צייט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל דאָס פֿערשטעהן און זאָל אַראָפּוואַרפֿען די קייטען א. א. וו.

# פּרץ,

בײַ דער גאַנצער הקדמה האָט פּרץ פּשוט געצײַגט מיט׳ן פֿינגער אויף מיר, דעם אײנציגען אזוי גערופֿענעם „אונטעליגענט״ און אויף דער פֿאַרלעזונג.

אײגענטליך האָב איך בעדאַרפֿט באַלד צו פֿערלאָזען דעם זאַל, ווײַל ס׳האָט פּשוט געקענט פֿאָרקומען אַן אונאַנגענעהמער אינצידענט. ס׳איז אָבער דאָך געווען פּרץ און איך האָב איהם נישט געוואָלט מבייש זײַן, בפֿרט, אַז איך בין געווען דער אײנציגער פֿאַרשטעהער פֿון „הזמיר״ אויף דער פֿאַרלעזונג. איך האָב מקבל באהבה געווען די נישט פֿערדיענטע בעליידיגונג און בין געבליבען ביז׳ן סוף, אויבוואָהל איך האָב גאָר נישט געהערט פֿונ׳ם גאַנצען רעפֿעראַט, אזוי אויפֿגערעגט בין איך געווען.

מיר האָבען זיך אָבגעזעגענט זעהר קאַלט.

אין דעם אָווענד איז אָבער געווען דער קריזיס פֿון אונזער מיספֿערשטענדניס.

אויפ׳ן צווײטען טאָג אין אָווענד איז צו מיר געקומען פּרץ.

פֿערענטפֿערט האָט ער זיך נישט, ער איז נישט געווען דער מענש דערפֿון. מען האָט אָבער אין איהם דערקענט, אַז ער שפּירט זיך שולדיג.

פּרץ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דערמיט וועט ער לעשען מײַן גאַנצען כעס. אין דעם אָווענד איז פּרץ פֿון מיר אָוועקגעגאַנגען, ווי פּרץ פֿון די שנים קדמוניות: כ׳האָב אויפֿגעהערט צו זעהן בײַ איהם אַ „פּרעזעס״, און דאָס שטיקעל פֿערדרוס, וואָס כ׳האָב אויף איהם געטראָגען אינ׳ם הערץ, איז גענצליך פֿערשוואונדען געוואָרען.

ווען איך האָב איהם שפּעטער, אַלס זײַן לײַב-אַרצט, געשיקט אום זומער קײַן סאַן-מאַריץ, האָט ער מיר שוין ווידער געשריבען בריעף. דאָס הײסט: אַנזיכטס-קאַרטען און פֿערזען אָהן אַ דאַטע, און אָהן אַ בעצײכענען דאָס אָרט. ווײַל ער האָט זיך פֿאַר׳ן אַוועקפֿאָהרען געשפּירט שוואַך,

האָב איך איהם געראַטען צו פֿאָהרען נישט איבער בערלין, וואו ס'קאָכט שטענדיג, ווי אין א קעסעל, נור דורך דעם שטילען דרעזדען.

פֿונ'ם וועג האָט ער מיר געשיקט פֿאָלגענדע קאַרטע:

אלס אנדערש, ווי געטראַכט,
איז בערלין געשעפֿט געמאַכט,
א נישט-געדרוקטע דראַמע פֿערקויפֿט
און די צייט לויפֿט.
ערשט צינד ביי באַדענזעע
(ענטציקטע דײַטשען רופֿען: יוכהע!)
און מיר זענען מיעד, אוי וועה,
ווי מיעד, קיין פֿוס, קיין האַנד
א חרפה, א שאַנד —
אפילו דרעזדען נישט געזעהן.

פֿון סאַן-מאָריץ האָב איך ערהאַלטען פֿאָלגענדע קאַרטע:

שפּיץ נאָך שפּיץ
האָספּיץ נאָך סאַן-מאָריטץ
כ'מאַך נישט צו קיין אויג — בײַטאָג,
עס בלוטיגט די נאָז, ווען איך שלאָג
זיך אָן מיט איהר אין א שטיין —
לופֿט—פּײַן, בערגער פּײַן
און יאַנעק *) איז דאָ איבער די וואָך.
וואָס פֿעהלט מיר דען, וואָס דאַרף איך נאָך?

די לעצטע אנזיכטס-קאַרטע האָב איך פֿון פּרץ'ן ערהאַלטען אים יאָהר 1912 פֿון טאַראַספּ. די קאַרטע האָט אייגענטליך געשריבען נימ פּרץ, נור דער אדוואָקאַט

*) זיין אייניקעל, וועלכען ער האָט זעהר ליעב געהאַט.

## פרץ,

סטאַווסקי, וועלכער איז דעמאָלט אויך געוועזען אין טאַראַספּ. פּרץ האָט נאָר צוגעשריבען עטליכע ווערטער: „איהר זאָלט געוועזען זיין אין וואַרשוי, וואָלט איך געוועזען געפאָהרען קיין סט. מאָריץ. אַנדערע חברים האָבען מיך אָבגעשראָקען. א שאָד“.

## XVI.

פרץ האט אנגעהויבען זיך צו אינטערעסירען מיט׳ן „הזמיר“. ער האט אליין געגעבען א סך פארלעזונגען און האט אויך צוגעצויגען עטליכע ליטעראטען. ער האט בכלל געטהון פאר׳ן „הזמיר“ אלץ, וואס איך האב נאר פון איהם פערלאנגט. ער האט מיר אפילו געהאלפען פון צייט צו צייט צו מאכען ביי די ווארשאווער גבירים א „שנא־רעראזש“ ווי דוד פרישמאן רופט עס. ווען דער גאנצער אלטער קאמיטעט פון „הזמיר“ מיט מיר, האבען דורך פערשיעדענע סבות, אויף וועלכע איך וועל מיך דא נישט אבשטעלען, דימיסיאנירט און ס׳איז אויסגעוועהלט געווארען א נייער, האט פרץ זיך ווידער אבגעקעהרט פונ׳ם „הזמיר“, און האט נישט געוואלט געבען קיין איינציגע פארלעזונג.

אבער ווען דער „הזמיר“ האט נאך עטליכע חדשים געהאלטען ביים אונטערגעהן, האט זיך אלס איינער פון די ערשטע איהם צו רעטען געשטעלט פרץ.

— איך האב אין אייך א מאראלישע נקמה — האב איך איהם דעמאלט געזאגט. מיר האבען געמאכט אנ׳אסיפה ביי לעאן לעוויטע. פערבעטען האבען מיר אנ׳ערך פון הונדערט פארשוין, געקומען איז, ווי געוועהנליך, גאר קוים א מנין. מיר האבען דאך נישט אראבגעלאזט די פליגעל און האבען אויסגעארבייט א פלאן, ווי אזוי דעם „הזמיר“ אויפצומונטערן.

די ערשטע אונזערע בעדינגונג איז געווען, אז פרץ זאל ווערען דער פארזיצענדער פון „הזמיר“. ער האט זיך

# פ ר ץ.

ניט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט דאָס אָנגענומען, אָבער מיט'ן תנאי, אַז נחמיה פינקעלשטיין, שמואל קרינסקי און איך זאָלען ווידער אַרײַן אין קאָמיטעט.

מיר האָבען איהם צוליעב געטהון.

פרץ האָט זיך פון דעם מאָמענט אָן אינגאַנצען אָבגעגעבען דעם „הזמיר“. ס'איז שוין ניט געווען דער פרץ פון'ם ערשטען קאָמיטעט, וואָס האָט דורכאויס פערלאַנגט אַ קונסטלער־טעאַטער; ער האָט שוין אויך זיך בעגנוגעט דערמיט, אַז דער „הזמיר“ זאָל ווי ס'איז עגזיסטירען, זײַ די אײַנציגע אידישע קולטורעלע געזעלשאַפט אין וואַרשאַ, און זאָל זיך ביסלעכווייז ענטוויקלען.

פרץ האָט זיך פעראינטערעסירט ניט נאָר מיט דער אינערליכער זייט פון „הזמיר“, צוציהענדיג צו איהם כמעט אַלע ליטעראַרישע קרעפטען, נאָר אפילו מיט דער אויסערליכער זייט. ער האָט מיט קרינסקי'ן אויסגעקליבען פאַר'ן זאַל פון „הזמיר“ (לעשנאָ 40), נייע טאַפּעטען, עטליכע שעהנע לאַמפּען א. א. וו. מיט איין וואָרט — מען האָט אײַנגעזעהן, אַז דער „הזמיר“ איז איהם געוואָרען טייער.

מיט פרץ'ס איניציאַטיווע זײַנען דעמאָלט אין „הזמיר“ אײַנגעאָרדענט געוואָרען ליטעראַרישע אָווענדען, וואָס זענען פאָרגעקומען יעדען מאָנטאַג.

די אָווענדען האָבען געטראָגען דעם נאָמען „קעסטעל־אָווענדען“, ווײַל אויפ'ן טיש בײַם פרעזידיום איז געשטאַנען אַ קעסטעל, וואוהין יעדער פון די אָנוועזענדע האָט געקענט אַרײַנוואַרפען אַ צעטעלע, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבען אַ וואָסערע ס'איז פילאָזאָפישע אָדער ליטעראַרישע טעמא, און נאָך דעם האָט מען אָבגעשטימט, איבער וועלכען פון זיי זאָל מען דעם אָווענד רעדען.

# פרץ.

די קעסטעל-אווענדען זיינען געווען זעהר פאפולער און אינטערעסאנט. די וכוחים זיינען פארגעקומען, זעלבסטפערשטענדליך, עקספראמט, דאס הייסט אהן א שום פארבערייטונג. מען האט בעריהרט פערשיעדענע ליטעראַרישע און פילאזאפישע פראגען, מען האט דיספוטירט אפילו איבער דעם רבונו של עולם...

דעם גרעסטען אנטהייל אין די דיספוטען האט גענומען פרץ מיט זיינע שלאגווערטער און מיט זיין שארפוויץ.

די יונגע, וואס האבען מיט פרץ'ן געלעבט אינטים, האבען אין יענער צייט געקענט באמערקען ביי פרץ'ן א ענדערונג אין זיין גאנצער שטימונג. מען האט עס ניט געקענט רופען עלטער, ווייל ביז'ן לעצטען אויגענבליק איז פרץ געבליבען יונג, ער איז אבער געווארען ווייכער, נאכגיעביגער, ווייניגער פעריביסען און די קאפריזען זיינען געווארען זעלטענער.

פרץ איז אויך געווארען ווייניגער נוקם ונוטר. ווען ס'האט געזאלט פארקומען דער יובילעאום פון דוד פרישמאן, מיט וועלכען פרץ איז געווען, ווי ס'איז באוואוסט, ניט אין די בעסטע באציהונגען, האט ער, דער פרעזעס פון „הזמיר", ניט נאר ניט געשטערט, אז די געזעל־שאפט זאל מאכען לכבוד דעם יובילאר א ליטעראַרישען אווענד, נאר ער האט עס דורכאויס פערלאנגט.

— איהר פערשטעהט דאך אוודאי אליין — האט ער מיר געזאגט ווייך, גלייך, ווי ער וואלט זיך געוואלט פער־ענטפערן, — אז רעדען וועגען פרישמאנ'ען קען איך ניט, אבער דער „הזמיר" מוז זיין יובילעאום פייערן מאקע איהם צו להכעיס: ער לייקענט דאך, שטענדיג אפ אי די ספרות, אי דעם אידישען לעזער, זאל ער זעהן, אז ער האט א מעות, אז ביידע זאכען לעבען.

אויף דעם יובילעי־אוונט איז פּרץ געקומען און איז שטיל געזעסען ביז צום סוף, צוהערענדיג זיך צו אלע רעדעס.

דעם שנוי אין פּרץ'ס כאראקטער, האט מען דעמאלט געקענט דערקענען אויך אין די מלבושים זיינע און אין דער וואהנונג.

פּרץ דער גרויסער עסטעטיקער, פּרץ, וואס האט געהאט פשוט א קולט פאר אלץ, וואס איז שען, דער זעלבער פּרץ איז געווען א גרויסער בטלן, וואס אנבעלאנגט הלבשה, און די וואהנונג זיינע אויף צעגלאנא נומער 1 איז אויך געווען אן'איינפאכע, אהן שום בעשיינונגען.

די לעצטע עטליכע יאהר האט פּרץ אנגעהויבען מעהר אכטונג צו געבען אויף זיין אנצוג. די איינציגע פּעלערינע איז געווארען אויפגעפרישט, און דער וויכער קאפעליוש האט געהאט שוין אביסעל וועניגער קנייטשען.

אין דער נייער וואהנונג (יערואזאלימסקא 78) האט פּרץ זיך איינגעארדענט א זעהר שענעם קאבינעט מיט א אמת'ען עסטעטישען געשמאק: שענע מעבעל, א שאפע אויף ספרים געמאכט לויט זיין אייגענעם מאדעל, א סך בילדער פון א לוקסוס־אויסגאבע, ווי, למשל, די ביבעל פון ליליען, שעקספּיר'ס דראמען א. א. וו. אויף די ווענד האבען געהאנגען א סך שענע בילדער און לאנדשאפטען. אויפ'ן שרייב־טיש איז געשטאנען פּרץ'ס ביוסט, געמאכט פון א פערעהרער, און עטליכע אנטיקען, וואס פלעגען צוצושטעלען אנס—קי און דינעזאן.

פּרץ האט דעם קאבינעט זעהר ליעב געהאט, און פלעגט גרויס הנאה האבען, ווען ער איז געפעלען אויך זיינע געסט.

ווען פּרץ'ס גוטע פריינד פון די קינדער־שע יאהרען, דער ד"ר געליעבטער פון זאמאשטש, האט אמאל געפונען א פגם אינ'ם לאמפ, וואס איז געהאנגען אינ'ם קאבינעט,

האט פרץ איהם אזוי לאנג איבערצייגט און כמעט נישט געלאזט לעבען, ביז ער האט געמוזט מסכים זיין, אז חנה׳ס לאמפ איז א שענער. פרץ האט בכלל געהאט א שוואכקייט צו לאמפען און, וואו אהין ער איז נור געקומען, האט ער קודם כל געווארפען א בליק אויפ׳ן לאמפ.

איך געדענק, ווי איך בין אמאל מיט פרץ׳ן געגאנגען צו קריוואשעאינ׳ען בעטען, אז מען זאל אונז פערדינגען אויף אנ׳אווענד דעם גרויסען טעאטער.

מיר האבען עטליכע מינוט געווארט אינ׳ם קאבינעט.

— ער האט געשמאק — האט צו מיר געזאגט פרץ.

— זעהט נור, וואס פאר א שענער לאמפ דא שטעהט.

און „הזמיר" האט פרץ זיך אויך בעמיהט קודם כל אויפצוהענגען אינ׳ם זאל עטליכע שענע לאמפען.

אזוי ווי דער „הזמיר" האט זיך זעהר שען אנטוויקעלט, האבען מיר אנגעהויבען זצו טראכטען מכח בילדען אינ׳ם „הזמיר" א קלוב פאר דער אידישער אינטעליגענץ; און אלס פראבע האבען מיר, מיט דער איניציאטיווע פון פרץ׳ן, איינגעארדענט אינ׳ם זאל פון „הזמיר" אזוי־גערופענע פאמיליען־אווענדען.

אויף די אווענדען, וואס פלעגען פארקומען איין מאל אין דער וואך, האבען מיר צושטעלט אינ׳ם זאל א סך בעזונדערע טישלעך, וואו ס׳זענען געלעגען פערשיעדענע צייטונגען, ברעטלעך פאר שאכשפיעל, דאמינא א. א. וו.

מיר האבען אויך איינגעארדענט א בופעט, ביי וועלכען עטליכע חאמען האבען פערקויפט במקום השוה טהיי, קאווע, פערשיעדענע געבעקס און פירות.

קיין פעסטע ליטעראריש־מוזיקאלישען פראגראם האבען די אווענדען נישט געהאט. ס׳האט זיך אלץ געמאכט פון זיך אליין: פרץ האט עפעס דערצעהלט, אדער פארגעלעזען; ווערהראף האט פארגעטראגען עפעס הומאריסטישעס; סטאפאניצקי האט געהאלטען א קליינעם רעפעראט

מיט עפּעס א עהנליכע זאך; מיר האבען געזונגען פערשיעדענע אידישע פאלקס־ליעדער; פּרץ הירשביין האט גאר וואויהל געזונגען דעם ,,רבונו של עולם" פון רב לוי יצחק בערדיטשעווער און אלע האבען מיטגעהאלפען. אפילו שמואל קרינסקי, וואס איז ניט אזא גרויסער מנגן, האט אויך מיטגעזונגען. אפטמאל פלעגען מיר מיט נחמיה פינקעלשטיין, לעווענפיש'ען און קראסני צו שפּיעלען א מענדעלזאהן־קווארטעט.

די אווענדען זיינען געווארען וואס אמאל מעהר פּאפּולער. ס'זיינען זיך אויף זיי צונויפגעקומען כמעט אלע אידישע ליטעראטען, קינסטלער, מוזיקער און סימפּאטיקער, אלע מיט די פרויען און ס'איז געווען זעהר געמיטליך. א חוץ דעם אומפאראוויזירטען פּראגראם, האט זיך די חברה גלאט געוויצעלט און ס'זיינען געפלויגען אידישע גלייכווערטלעך, מען האט אביסעל פערגעסען אין די צרות און אין'ם גלות. מיר האבען אויף די אווענדען אפילו שוין אויפגענומען געסט ווי, למשל, שלום־עליכם'ן ווען ער האט דאס לעצטע מאל בעזוכט ווארשא אין יאהר 1914.

פּרץ איז אויף די אווענדען געווען א פּערפּעטואום מאבילע. ער איז א מינוט ניט איינגעזעסען אויף איין ארט. אט האט ער מיט כח ארויפגעשטופּט ד"ר קאפּעל אויף די עסטראדע, אויבוואהל ער האט ניט געוואלט. אט האט ער זיך צוגעזעצט צו א טישעל און האט גענומען אנ'אנטייל אין עפּעס א וכוח, אט האט ער אליין עפּעס דערצעהלט.

פּרץ האט אויף די אווענדען אויסגעזעהן אזוי יונג, אזוי פריש, אז ס'האט קיינעם ניט געקענט איינפאלען אפילו, אז ער איז שוין א זעכציגער.

די אידעע פון א קלוב פאר דער אידישער אינטעליגענץ האט זיך אזוי ארום אנגעהויבען צו פערקערפּערן, און

# פרץ,

מיר האבען שוין מיט קרינסקי'ן כמעט געהאט געדינגען א גרויסע וואוינונג אויף דער מיד־גאס.

איז אבער אויסגעבראכען דער קריעג.

דער „הזמיר" האט זיך געמוזט אבזאגען פון דער גאנצער ליטעראריש־מוזיקאלישער טעטיגקייט, ווייל די רוסישע מיליטערישע מאכט האט פערבאטען פערזאמלונגען און אידישע פארלעזונגען.

די וואוינונג פון „הזמיר" ווערט ביסלעכווייז אנ'עיר מקלט פאר די אומגליקליכע היימלאזע, וואס זענען ארויסגעיאגט געווארען פון זייערע היימען. די וואנט פון „הזמיר" זאל, וואס האבען שטענדיג געהערט ליטעראטור און געזאנג, האבען פלוצלונג דערהערט וויינען און קרעכצען פון דערוואקסענע און קליינע קינדער, פון געזונדטע און קראנקע.

פרץ, דער גרויסער דיכטער און שריפטשטעלער, פערוואנדעלט זיך אין אנ'אמת'ן פילאנטראפ, און אנ'אמת'ן רחמן בן רחמנים. דער גוטער שטילער דינעזאן און לעווין עפשטיין העלפען איהם צו, צו פערזארגען די אומגליקליכע קרבנות פונ'ם רוסישען ווילקור מיט אלץ, וואס נאר מעגליך.

בכדי צו שאפען פאר די אומגליקליכע א שטיקעל קאפיטאל, גיט פרץ אוועק אלע זיינע מתנות, וואס ער האט בעקומען אלס ליטעראט און יובילאר. דינעזאן טהוט דאס זעלבע. און לעווין עפשטיין מיט דינעזאנ'ען און מיט מיר האבען געבילדעט א קאמיסיע, וואס האט איינגעארדענט פון די אלע זאכען א לאטעריע: איין העלפט פון דער הכנסה האט בעדארפט געהן פאר די היימלאזע און די צווייטע העלפט פאר'ן „הזמיר".

פרץ אליין האט זיך נישט געפוילט ארומצוטראגען צו בעקאנטע בילעטען אויף דער לאטעריע.

פרץ פלעגט דעמאלט כמעט יעדען אווענד ארויפקומען אין „הזמיר", און האט זיך אונטערהאלטען מיט די

# פּרץ.

היימלאזע און ספּעציעל מיט די קליינע קינדער. פּרץ האט בכלל זעהר ליעב געהאט קליינע קינדער. ער פלעגט קענען שעה'ן־ווייז זיצען מיט זיי און דערצעהלען זיי פערשיעדענע מעשיות. ער האט אויך געהאט געדולד אויסצוהערען פון זיי בבא־מעשיות.

די ערשטע אידישע פרעבעל־שולע פאר די קינדער פון די היימלאזע איז געגרינדעט געווארען מיט פּרץ'ס איניציאטיווע. און אזוי ווי ס'זענען נישט געווען קיין לייכטע ליעדער פאר קינדער, האט זיי פּרץ אנגעהויבען צו שאפען. און ביי דער גייסטליכער ארבייט מיט די ווערטער:

„שטילער, שטילער,
דאנקען וויל ער"
האט ער זיך געשיידט מיט'ן לעבען.

פּרץ איז געשטארבען פּלוצלינג שבת י"ט ניסן תרע"ה (1915), 8 א זייגער אין דער פריה.

דאנערשטאג אווענד איז ער געוועזען ביי מיר מיט דיך געזאנ'ען און מיר האבען ארומגערעדט די פראגע מכח דער לאטעריע, מכח דער וואהלונג פון „הזמיר" און מכח נאך עטליכע ענינים.

וועלבסט־פערשטענדליך, האט מען גערעדט אויך וועגען דעם קריעג.

פּרץ האט דערצעהלט פונ'ם גרויסען עלענד, וואס די אומגליקליכע היימלאזע ליידען זיך אן. ער האט מיט לעבעדיגע פארבען פארגעשטעלט, ווי די קליינע קינדער און אלטע לייט וואלגערען זיך אויף דר'ערד אויפ'ן הויף פון דער „גמינע"; ווי די פרויען ברעכען זיך די הענד און האט געענדיגט מיט די ווערטער: „א אידיש הארץ מוז דערפון פלאצען".

די טרעהרען זענען איהם געשטאנען אין די אויגען.

ווען איך האב דערויף געענטפערט, אז ווי שרעקליך און גרויזאם די מלחמה זאל נישט זיין, וועט זי דאך



פּ־ץ אין זײנע לעצטע טעג.

# פרץ.

אוודאי ברענגען פרײהײט פאר געדריקטע פעלקער און צווי־שען זײ אויך פאר אונז, אידען, און ווען איך האב פאר־געשטעלט די פערספעקטיווע פון א אידישע ליטעראריש־מוזיקאלישע געזעלשאפט אין א פרײ לאנד, האט פרץ דער־רויף טרויעריג בעמערקט: „מען זאל עס נור דערלעבען".

ס'האט מיך זעהר געוואונדערט צו הערען פון דעם אײביג־יונגען, אײביג־ענערגישען פרץ אזעלכע טרויעריגע ווערטער.

ס'איז מעגליך, אז אויב פרץ וואלט נאך געלעבט, וואלט איך אפשר די עטליכע ווערטער אין גאנצען פער־געסען, ווען ער איז אבער אויפ'ן דריטען טאג געשטאר־בען האבען זײנע ווערטער: „מען זאל עס נאך דערלעבען" געקלונגען אין מײנע אויערען, ווי עפעס א נבואה.

ס'איז מערקווירדיג. ווען איך טראכט אפילו איצט פון פרץ'ן, זעה איך פאר מײנע אויגען ניט דעם לעבע־דיגען, לוסטיגען און ענערגישען פרץ, נור דעם טרויעריגען ניעדערגעשלאגענעם פרץ, אזוי ווי ער האט אויסגעזעהן אין יענעם מאמענט, דאנערשטאג בײ נאכט.

שבת ארום האלב צעהן אין דער פריה האט מיר מײן פרוי טעלעפאנירט אין שפיטאל אריין, די טרויעריגע ידיעה, אז פרץ איז פלוצלינג געשטארבען. איך בין געבלי־בען שטעהן בײם טעלעפאן ווי פערשטײנערט און עטליכע מינוט האב איך מיך ניט געקענט רירען פונ'ם ארט... ס'איז מיר פשוט שווער געווען זיך פארצושטעלען, אז פרץ קען זײן טויט...

איך בין באלד ארויפגעלאפען מיט נחמיה פינקעל־שטײן אין זײן וואהנונג.

אינ'ם בעט איז געלעגען א נאך ניט פערענדער־טער, א נאך ווארימער פרץ, אבער שוין טויט... די שענע אויגען זײנע זענען שוין געווען פערמאכט, אויף די ליפ־פען האט געשוועבט א אירראניש שמײכעלע.

## XVII.

ס'הערשט אנ'אלגעמיינע מיינונג, אז דער גרעסטער טייל שריפטשטעלער זענען אין דער ליטעראטור גאנץ אנ־דערש, ווי אינ'ם לעבען, אז זיי „פרעדיגען אפטמאל וואסער און אליין טרינקען זיי וויין". יעדער אינטעליגענט וועט אייך ברענגען דערויף הונדערטער ראיות פון דער געשיכטע.

אברהם פאהלישעוויטש האט אפילו געמאכט דערויף אנ'אפאריזם, זאגענדיג, אז ס'איז א גליק, וואס דאס ווערק בלייבט און ס'שטארבט דער שריפטשטעלער. ערגער וואלט געווען, ווען ס'וואלט געווען פערקעהרט.

וועגען פרץ'ן קען מען דאס נישט זאגען, ער איז געווען א פערזענליכקייט, ער איז געווען אזוי קלוג, גוט און פאלקסטימליך אינ'ם לעבען, ווי אין דער ליטעראטור. א „איד" איז ער געווען אינ'ם לעבען, אפשר א סך מעהר, ווי אין דער ליטעראטור. ער האט מיטגעפיהלט מיט אלע פארטייען, וואס האבען נישט אוועקגעווארפען די אידישע פאהן, פיינד געהאט בתכלית השנאה האט ער נור די אזוי גערופענע אסימילאציע.

פונ'ם פאליטישען ציוניזם איז ער געווען א געגנער, הערצל'ען האט ער נישט ליעב געהאט, אבער פון א״ץ ישראל האט ער געהאלטען און ווען ער האט דאס ערשטע מאל א היים געבראכט א זאך, וואס ער האט געקויפט אין „בצלאל", האט ער געמאכט דעם זעלבען איינדרוק, וואס שלום־עליכם'ס קליינשטעטלדיגער רב, בשעת ער האט דערזעהן די ערשטע אקציע פונ'ם אידישען קאלאניאל־באנק.

מיר שיינט, אז דווקא די גרויסע מעלה פון פרץ'ן, דאס הייסט זיין פערזענליכקייט איז געווען די הויפט־סבה פון זיין גרויסען פאפולאריטעט; און ווען איך בעטראכט איצונד פרץ'ן, ליידער שוין נישט פון דער נאהענט, נור דורך א פערספעקטיווע פון דער ווייטענס, קום איך צום בעשלוס, אז אויב פרץ וואלט אפילו נישט געווען דער גרויסער שריפטשטעלער און דיכטער, נאר גלאט אן אינטעליגענט מיט אזא ברייט אידיש הארץ, מיט אזא ענערגישען טעמפעראמענט און מיט אזא שטארקען געזעלשאפטליכען נערוו, וואס ער האט פארמאגט, וואלט זיך אויך געבילדעט ארום איהם א קרייז אנהענגער, נישט קוקענדיג אויף אלע זיינע סתירות און אויף אלע זיינע קאפריזען.

איך האב נאך איבער פרץ'ן א סך צוזאגען, איך ענדיג אבער איצונד פארלויפיג מיין פעקיל זכרונות, ווייל א סך זאכען קענען נאך איצונד נישט בערירט ווערען.

אבער איידער איך לעג אוועק די פעדער מוז איך מאכען נאך איין בעמערקונג.

אויף פרץ'ס לויה האבען קריסטליכע אינגלעך נאכ־געווארפען שטיינער. אינ'ם גרויסען עולם, וואס איז נאכ־געגאנגען נאך דער לויה, איז ארויסגעפאהרען אן'אויטא־מאביל מיט עטליכע לוסטיגע הערן און דאמען. די ווארשאווער פוילישע פרעסע האט קיין איינציג ווארט אפילו נישט געשריבען וועגען פרץ'ן, ווערענד אפילו די רומעני־שע אנטיסעמיטישע פרעסע האט געגעבען א שילדערונג פון זיין ליטערארישע טעטיגקייט, און איניגע צייטונגען האבען אפילו געגעבען זיין בילד.

די סבה פון דער שרעקליכער אנאמאליע איז געווען דער דעמאלטיגער העסליכער פוילישער בויקאט אקעגען אידען און דער בלבול, אז פרץ און אלע זיינע אנהענגער,

# פרץ.

וואס האבען שטאלץ געטראגען די אידישע פאהן, זענען פוילען פיינד.

די רעפרעזענטאנטען פון דער ווארשאווער אידישער קהלה האבען קיין שום אנטייל נישט גענומען אין פרץ'ס לויה. זיי האבען אפילו נישט געשיקט קיין אפיציעלען דעלעגאט און דערמיט האבען זיי דעמאנסטראטיוו גע־שטיצט דעם געמיינעם בלבול.

אויף אזא בלבול, וואס שטיצט זיך נישט אויף פאק־טען, נאר אויף'ן ווינד, באדארף מען איינענטליך ענטפערן מיט שווייגען און דאס האבען מיר אלע טאקי געטהון. אבער ווייל פרץ לעבט שוין נישט מעהר און יעדער איד, וואס לייקענט נישט אפ זיין אידישקייט, ווערט אצינד אויך באטראכט אין פוילען, אלס א שונא פון'ם פויל־ישען פאלק, האלט איך פאר מיין הייליגען חוב הויך צו שרייען, אז פרץ איז נישט געווען קיין פוילען־פיינד, נאר פערקעהרט א פוילען־פריינד. ער האט ליעב געהאט דאס לאנד אודאי נישט ווייניגער, ווי די הורא־פאטריא־טען, וואס לויפען ארום אין די צוקערניעס און אין די בענק, קלאפען זיך אין הארץ און שרייען, אז זיי זענען פאליאקען בני דת משה.

אלס שריפטשטעלער פלעגט פרץ אליין צו זאגען, אז ער האט אנגעהויבען צו שרייבען, אונטער דעם איינ־פלוס פון דער פוילישער ליטעראטור, און אין זיינע ערש־טע נאוועלען שפירט מען טאקי דעם איינפלוס פון שוויענ־טאכאווסקי'ן. אלס כלל־טוער מיט'ן ברייטען פאליטישען האריזאנט פלעגט פרץ שטענדיג אונטערשטרייכען אז אידען מוזען שטענדיג געהן מיט'ן פאלק און נישט מיט דער רעגירונג... רעגירונגען — פלעגט ער זא־גען — בייטען זיך און געהן־אונטער, דאס פאלק אבער לעבט אייביג.

זעלבסטפֿערשטענדליך איז פרץ געווען געגען דעם, אַז מיר זאָלען זיין פּריצישע קנעכט, אַז מיר זאָלען פּאַסיוו פּאָלגען, וואָס מען הייסט אונז. פרץ האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלען זיין פֿ ר ײַ ע בירגער אין אַ פֿ ר ײַ לאַנד; און דערפֿאַר טאַקי האָט ער גענומען אַ לעבהאַפֿטען אַנטייל אין דער אַגיטאַציע קעגען דעם, אַז וואַרשאַווער אידירען זאָלען וועהלען אין די פֿיערטע דומע אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיט, ווייל די פּריצים האָבען אַזוי געהייסען און די באַנקירען אַסימילאַטאָרען האָבען זיי נאָכגעטאַנצט.

פרץ האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פֿערבלענדען דורך די ז י ס ע רייד פֿון די קלאָמפּערשט קולטורעלע ענדעקישע רעדעלספֿיהרער, און האָט שטענדיג הייסט פּראָטעסטירט קעגען יעדער עולה, וואָס זיי האָבען אונז געטהון אין פּוילען.

אַלס אַ טיעפֿער פּסיכאָלאָג האָט פרץ זעהר ריכטיג אָבגעשאַצט דעם טיפּ פֿון די פּוילישע זאָאָלאָגישע אַנטיסעמיטען; און ווען די לעצטע האָבען זיך געריהמט מיט זייער הויכער קולטור, וואָס אין פּוילען זענען נישט פֿאַרגעקומען קיין פּאָגראָמען, האָט ער זיי געגעבען די בעשואוסטע תשובה, אַז חיות פֿעהלט נישט צווישען זיי, זיי זיצען אָבער פֿערמאַכט אין אַ שטײַג און דער שליסעל ליעגט ערגעץ אַנדערש...

פרץ איז געווען אַ פֿיינד פֿון דעם מין אַנטיסעמיטען, אָבער נישט סתם פֿונ'ם פּוילישען פֿאָלק.

אַט מיט די ווערטער וויל איך ענדיגען פֿאַרלויפֿיג מיינע זכרונות איבער פרץ'ן.

געשריבען אין רומעניען אין יאַהר 1918.